STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05674

DER GESHMIEDTER PROMETHEUS

Aeschylus

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Howard & Dorothy Segool
in memory of
their parents, Samuel & Fannie Abeshaus and Benjamin & Mary Segool

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איסכילאָס

דער געשמידעטער
פּראָמעטהעאוס

טראַגעדיע

צוערסט אויפגעפיהרט אין סיראַקוז
475 יאָהר פאַר קריסטוס.

איבערזעצט פון

ל. בערגמאַן

פּרייז 15 סענט

ארויסגעגעבען פון

מ. יאַנקאָוויטץ און זשוקאָווסקי

141 דיוויזשיאָן סטריט, ניו יאָרק

PUBLISHED BY

M. JANKOWITZ & ZUKOWSKY

141 DIVISION STREET, NEW YORK.

אײנלײטונג.

פּראָמעטהעאוס! דער סימבאָל פון דעם געטליכען זשעניוס, דער טריאומף פון גאָט־נאַטור, וועלכע האָט אין איהר כאָאָס פון גרויזאמער צושטערונג און ווידער־געבורט געקאָנט ענטוויקלען דעם ערהאבענעם אידעאַל פון אונבעגרענצטער ליעבע צו אַל־דאָס שעהנע, עדעלע און גוטע אין די הערצער און אין די קעפּ פון געוויסע קולטור־טרעגער און קעמפּפער פאַר די מענשהייט, וועלכע מען קען מיט רעכט אָנרופען „דיע פּראָמעטהעאוסען אין דער מענשהייט". צו געוויסע צייטען דערהויבט זיך איינער פון די געוועהנליכע מאַסע, אָנגעצונדען פון דעם געטליכען פייער פון ליעבע צו די ליידענדע, ער שטייגט אַרויף אין ריינעם עטהער, אין די העכערע, געטליכע אידעאַלע ספּעהרען, טהיילט זיך אָב פון דאָס אַלטעגליכע געטריעבען פון אַ געהיימניספולע קראַפט צו זיין ערהאַבענע מיסיאָן — דאָך אין דער זעלבער צייט ווירקט שוין די גרויזאַמקייט פון די שאַפענדע און צושטערענדע נאַטור און שטעמפּעלט שוין דעם זשעניוס מיט דעם צייכען פון פערניכטונג; אין זיין קאַמפּף פאַר זיינע הויכע אידעאַלען מוז ער צולעצט פאַרוואונדעט פאַלען, דען יענע מאַכט פון פערניכטונג האָט שוין דעם פּראָמעטהעאוס, באַצייטענס, די מאַרטירער־קרוין אויפ'ן בלוטיגען שטערען אַרויפגעזעצט. — דאָס איז דאָס אייביג געטליכע נאַטור־געזעץ, דאָס מיסטעריום פון דעם שיקזאַל.

ווירקליך גרויסאַרטיג איז די סימבאָליסטיק פון דיזען אור־אַלטען מייסטערווערק „פּראָמעטהעאוס"!

פּראָמעטהעאוס איז דער אָדם, מיט וועמען די גאַנצע פון איהם ענטוויקעלטע מענשהייט איז פערפאַלען געוואָרען צו דער „געטליכער פערדאַמונג". פּראָמעטהעאוס אליין איז דער פאַרברעכער געגען די הייליגע אָרדנונג פון די

געטער מיט זייער געטליכען טיראַן זעאוס דעם. הערשער אי־
בער די געטער, דען געגען דעם ווילען פון די געטער שאפט פראָ־
מעטהעאוס די מענשהייט מיט אייגענער מאכט און דערהאלט
זיי אין זייער עקזיסטענץ; דאָס אליין איז שוין געוועזן אַ פאַרברעכען
געגען דעם דעספּאָטישען ווילען פון זעאוס, און פּראָמעט־
העאוס צייגט ארוים מיט דעם זעהר גוט זיין ליעבע צו דער
פּערזענליכער פריוהייט — ער שליידערט פון זיך
אַרונטער דעם דעספּאָטישען צוואַנג און שאפט אליין פון זיך אוים
און מיט אייגענעם ווילען זיין אייגענעם מייסטערווערק. יא, ער
געהט נאָך ווייטער, דיעזער געטליכער רעוואָלוציאָנער, עהנליך צו די
ביבלישע לעגענדע פון דעם עפּעל פון בוים פון
וויסען. אזוי רויבט פּראָמעטהעאוס פון׳ם הימעל
דאָס געטליכע פייער: און שענקט עס צו דער מענשהייט,
און דערפאַר רופט מען איהם אויך דעם „ליכט ברייננגער“
איז דיעזע אידעע פון דער געטליכער וועלט־דראמא ניט געטליך? עס
איז וואונדערבאר ווי אזוי דיעזער גרויסארטיגער געדאנק האָט זיך
געקאָנט ענטוויקלען אין׳ם אלטערטום שוין אונגעפעהר 2500 יאָהר
צוריק. — ווי עס שיינט איז דיזע אידעע פון דער וועלט־
דראמא ענטוויקעלט געוואָרען פון א נידריגער פאָרם פון פאָלקס־
לעגענדע וועלכע האָט בוכשטאבליך באַצייכענט דאָס „פייער“ וואָס
פּראָמעטהעאוס האָט די מענשהייט געשאָנקען מיט פייער
אין געוועהנליכען זין פון וואָרט. ערסט זייערע דיכטער ווי אַ
איסכילאָס, סאָפּאָקלעס איריפּידעס א. ז. וו. האָבען
דיזע טונקעלע פאָרשטעלונג אין פאָלקס־מיטהאָלאָגיע מעהר פאַר־
איידעלט און קינסטלעריש פאַרווערטהעט, און ווירקליך סימבאָלי־
זירט איסכילאָס זיין פּראָמעטהעאוס „דעם ליכט־
בריינגער“ אלס די געטליכע נאַטור־קראַפט וועלכע
האָט אָנגעצונדען אין דער מענשהייט דעם געטליכען פייער פון ווי־
סען, קונסט און ענטוויקלונג. ער שטעלט איהם ווירקליך פאָר אלס
באַנער־טרעגער פון קולטור און ציוויליזאַציע, פאַר אזאַ מין „פאַר־
ברעכען“ געגען דעם דעספּאָטישען זין פון דעם גאָט זעאוס באַ־
פעהלט ער זיינע געטליכע היינקער „קראטאָס“ (די קראַפט)
און ביאָ (די געוואַלט) צוזאַמען מיט דעם געטליכען שמיעד

ה ע פ א י ס ט א ס דעם בלוטיגען אורטהייל אויסצופיהרען. אזוי אַנגעשמידעט צום פעלזען, א בילד פון א עכטען מארטירער. די מיטלייד פיהלענדע אָקעיאַנידען ערשיינען און אויף זייערע פראגען דערצעהלט זי פראָמעטהעאוס איבער זיין גרויסע הייליגע מיסיאָן צו דער מענשהייט פאָלגענדעם :

...זיי האָבען פאַר'ן ווינטער, פאַר'ן בלומיגען פריהלינג און פאַר'ן פרוכטבאַרען זומער ניט געוואוסט מיט אַ פעסטען צייכען די צייט צו באַשטימען, אָהן גערדאַנק איז געווען זייער שאַפען, ביז איך האָב זיי עס געוויזען ווי די שטערען אויף און אונטערגעהן און אויך די הויכע וויסענשאַפט פון צאָהלען, דעם געברויך פון שריפט, אויך דאָס געדעכטניס, די מוטער פון די מוזען פאַנטאַזיע) האָב איך זיי געגעבען..

אזוי האָט איהם דער פון די מוזען געקרוינטער דיכטער געשילדערט :

פראָמעטהעאוס אלס דער טרעגער פון הויכע אידעיאַלען, — פון קונסט און וויסענשאפט און ליעבע צו דער מענשהייט — אזא אונבעגרענעצטע ליעבע, אזא איבערגעבענע, דאָס זי מאכט דעם ליעבענדען צום מ א ר ט י ר ע ר, דאָס שרעקליכע סימבאָל פון מארטירערטהום אַנגעשמידעט מיט אייזערנע קייטען, הייגנענדיג, אויפ'ן נאַקעטען, קאַלטען פעלזען־שפּיץ מיט דעם אייזערנעם שפּיעז אין דער ברוסט, באטאָג געברענט פון די גליהענדע זון און פון דעם פראָסט געפּייניגט אין דעם פריה־מאָרגען און ז ע א ו ס ה ו נ ד, דער אָדלער קומט אַלע ווייַלע און האַקט אין איהם און פרעסט זיין לעבער... דערפאַר וואס ער האָט דאָס געטליכע פייער גערויבט פון דעם געטליכען פינסטערלינג דאָרט אויבען אין דעם אָ ל י מ פ ו ס און האָט מיט דעם די מענשהייט באגליקט ; וועלכע איינמאָל אָנגעצונדען אין דער מענשליכער ברוסט געפינט אַלץ מעהר שטאָף צום ברענען אין פיעלע הערצער און קעפ, אַלץ ווייטער און ווייטער, און אזוי ווי דיזער פייער־בראַנד וועט אַלץ מעהר און מעהר אָנגעפאַכט וועט ער אויפפלאַקערען צו א גרויסען ריזיגען פלאם, וואס

וועט די גאַנצע מענשהייט אַנצינדען צום קאַמפף פאַר ווייסענשאַפט, קונסט און פרייהייט.

מייסטערהאַפט איז די ערקלעהרונג פון פראָמעטהעאוס צו די אָקעיאַנידען: נאָכדעם ווי קראָנאָס, דער פריהערדיגער הערשער איבער די געטער, איז ארונטערגעשליידערט געוואָרען פון זיין געטער־טהראָן, און איז צוזאַמען מיט זיינע קאַמפף־גענאָסען ארויס פון דעם הערליכען אָלימפוס, און זיינען אריינגעזונקען אין דעם שווארצען קבר פון טארטאראָס און זעאוס איז אויפ'ן געטער־טהראָן ארויפגעשטיעגען, האָט ער האַלטענדיג אין האַנד דעם סצעפּטער פון זיין מאכט, פאַרטהיילט די געוויסע עמטער און אויפטרעגע צו די געטער און האָט פאַר זיי אויסגעוועהלט אַ בעשטימטע טהעטיגקייט. אויך וועגען די אַנדערע עלעמענטען אין דעם וועלט־רוים האָט געמאַכט געוויסע בעשטימונגען, אָבער וועגען די מענשען האָט ער זיך ניט גענומען די מיה צו טראַכטען, דיזער פּאָרט „ווערימדיגע קרעאטור" איז ניט געווען נאָך זיין געשמאַק און האָט באַליידיגט זיין אריסטאָקראַטישען, עסטהעטישען געפיהל, דיזע מענשהייט שיינט איז איהם פאָרגעקומען צו זיין אַ קאַריקאטור פון די געטער און ער האָט זיי געוואָלט אויסראָטען און אַ נייע מענשהייט בעשאַפען, אָבער פראָמעטהעאוס האָט אוים מיטלייד מיט דיזע אָרימע פערורטהיילטע מענשהייט, זיי גערעטעט פון דעם גרויזאַמען אורטהייל פון זעאוס און האָט זיי דערהאַלטען אין זייער עקזיסטענץ, זיי שענקענדיג די טהייערע געשענקע: „די בלינדע האָפענונג" און דאָס „געטליכע פייער". נעגען זעאוס איז דאָס געווען אַפאַרברעכען — און געוואָלט האָט ער אַ מענשהייט פריי פון פראָמעטהעאישער שולד — זי זאָל די בלינדע האָפנונג ניט נויטיג האָבען אום גליקליך צו זיין און ניט דאָס געטליכע פייער אום צו זעהן. און דערפאַר האָט ער אויסגעלאָזען זיין גרימצאָרן אויף פראָמעטהעאוס, וועלכער האָט דערפאַר געמוזט טראָגען אויף זיך די קאָנזעקווענץ פון זיין טהאט.

איידעל זיינען די שטריכען וועלכע דייטען אָן מיט אַ מערקווירדיגער צאַרטקייט דעם כאַראַקטער פון פראָמעטהעאוס,

זאנפט, ווייך און ערהאבען איז דער שטיל, אין וועלכען עס שפּיעגעלט זיך אָב דער אונבעגרענצטער אלטרואיזם פון א פּראָמעטהעאוס צוגלייך הערט זיך צווישען זיינע געשפּרעכען ווי עס וויינט איהם די הארץ איבער זיין אייגענעם אונגליק און א שטילער פּראָטעסט, און דאָ ווידער דאָס אויפקאָכען פון דאָס איידעל־שטאָלצע בלוט פון דעם מארטירער העלד.

מיט איינינגע ביישפּיעלע וויל איך דעם לעזער אויף דעם אויפמערקזאם מאכען;

צ. ב. ש., ווען אָקעיאנאָס דער גאָט פון די ימים, בעט זיך ביי איהם ער זאָל ענדערען זיין שטאָלצען זין, אום מיט דעם ביי זעאוס גנאדע, פאַרגעבונג און פרייהייט צו געווינען, ווייזט פּראָמעטהעאוס דעם גוט־געמיינטען ראטה מיט זיין הערא̈ישען, איידלען שטאָלץ מוטהיג צוריק, און ווען אָקעיאנאָס ביעט זיך אָן צו זיין א פּערמיטלער פאַר די גנאדע פון זעאוס, זאָגט פּראָמעטהעאוס צו איהם מיט די ריינע אונאייגענוציגע ליעבע פון א אמת'ן פריינד:

..זעה נור צו דו זאָלסט זיך ניט מיט דיזען גאַנג אַליין שאָדען טהאָן..

און אָקעיאנאָס ענטפערט אָדער בעסער געזאָגט רופט אוי מיט בעוואונדערונג און מיט א שטילען פאָרוואורף איבער דעם אונבעגרענצטען אלטרואיזם פון פּראָמעטהעאוס.

ער זאָגט:

...פיעל בעסער דיינקסט דו אַלץ פאַר אַנדערע
און ניט פאַר זיך אַליין...

מען קען שוין פון דעם אויך האָבען א געוויסען בעגריף פון דעם געדאַנקען גאַנג פון דעם דיכטער אליין. אזוי ריכטיג דעם אלטרואיסט צו שילדערען. —

א שיידערהאַפטען איינדרוק און א געפיהל פון שרעק רופט אַרויס די סצענע און דאָס געשפּרעך מיט יאָ, וועלכע ערשיינט פּלעצליך פון די פינסטערע נאכט פון איהר וואהנזין, מיט איהר שיקזאַל רופט זי אַרויס א האַס אין אונז געגען דעם געטליכען טיראַן זעאוס און די געטין הערא, ווייל זעאוס ליעבע צו די אונשולדיגע מענשען־טאָכטער יאָ, איז איהר אונגליק, זיין קוס, זיין אומארמונג און דער קורצער גענוס פון ליעבע אין זיין געצעלט

און נאָך דערצו די איפּערזוכט פֿון די געטין ה ע ר א, ווירקען שרעקליך אויף י אָ, זעאוס קום איז גיפֿט פֿאַר איהר, און די אייפֿערזוכט פֿון די געטין איז דער שטאָך פֿון וואהנזין פֿאַר איהר, פֿאַרשטויסען פֿון איהר פֿאָטערס היים מוז זי דורכמאַכען די געוויסע צייט פֿון וואַהנזיניגער אַרומוואַנדערונג איבער דער וועלט, איבער בערג און טהאָל און איבער די שטראָמען און ימים פֿליהט זי ווי א נעהעצטע חיה.

פֿראָמעטהעאוס זאָגט איהר פֿאָראויס איהר שיקזאַל און די דערלייזונג פֿון איהר וואהנזין דורך די גנאַדע פֿון זעאוס, און ער ערוואַרט פֿון איהר קומענדען געשלעכט דאָס אַרויסוואַקסען פֿון א צווייג, דאָס געבאָרען פֿון א בעפֿרייער פֿאַר זיך — ה ע ר א ק ל ע ס ער איז געוועזן די האָפֿנונג פֿון פֿראָמעטהעאוס, דען ער האָט אַלס גאָט, אַלס טיטאַן זיין אייגענעם שיקזאַל פֿאָראויס געזעהען מיט א קלאָהרען בליק, דען ער אליין האָט ניט געהאַט אין זיך די „ב ל י נ ד ע ה אָ פֿ ע נ ו נ ג“, וועלכע ער האָט געשאָנקען צו די מענשען, נור ווירקליך די „ז ע ה ע נ ד ע ה אָ פֿ נ ו נ ג“. וועלכע האָבען איהם געטרויסט אָבער האָבען איהם צו גלייך פֿאָראויסגעצייגט דעם לאַנגען וועג און די בלוטיגע שפּורען פֿון זיין מאַרטירערטהום, און איך גלויב דאָס אין אזא פֿאַל האָט פֿילייכט דער טיטאַן געקאָנט מקנא זיין די מענשען וועלכע ער האָט מיט דיעזער פֿאַרשלייערונג פֿון זייער צוקונפֿט, פֿילייכט גליקליכער ווי זיך אליין געמאַכט —

זעהר אינטערעסאַנט איז די פֿעראַכטונג פֿון פֿ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס צו דעם זיך אונטערוואַרפֿענדען מיט דער שקלאַפֿישער נשמה, דיזע פֿעראַכטונג דריקט ער אויס צו ה ע ר מ ע ס דעם געטער־העראָלד, וועלכער איז געשיקט פֿון ז ע א ו ס מיט דעם אויפֿטראַג פֿון פֿ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס צו קריגען פֿאָראויסגעזאָגט דעם שיקזאַל פֿון זיין הערשאַפֿט, א געהיימניס וועלכע נור פֿראָמעטהעאוס האָט געוואוסט, אַזוי זאָגט פֿ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס צו ה ע ר מ ע ס מיט פֿעראַכטונג:

— פֿאַר דיין שקלאַפֿישען דיענסט וואָלט איך מיין ליידען —
יא הער עס נור דייטליך — ניט אויסבייטען — קיינמאָל ניט!
דען בעסער איז עס פֿאַרשקלאַפֿט צו זיין צו דעם שטיין
איידער צו זיין אַ געטרייער קנעכט ביים פֿאָטער ז ע א ו ס —

מיט דיזע פעראכטונג פון די שקלאפען־מאראל און זיין אויס־דרוק פון ליעבע צו די אינערליך פרייע אינדיווידואליטעט, זיין אויסשפריך בעסער פארשקלאפט צו זיין צום שטיין... צו וועלכען ער איז אנגעשמידט איידער אנצוערקענען און זיך צו אינטערוואר־פען אונטער די אויטאריטעט פון א הערשער, איז מערקווירדיג. דאס צוויי טויזענד פינף־הונדערט יאהר צוריק אין גריכענלאנד, וואו די שקלאפעריי איז געווען אין פולען גלאנץ און איז געווען אין יענער אריסטאקראטישער פעריאדע אהנע אירגענד וועלכען צווייפעל אלס מאראליש אנערקענט, דאס איסכילאס א קינד פון יענער צייט האט זיך געקאנט אויפהויבען צו דער גרויסארטיגער אידעע — דעם אינדיווידואליסטישען אלטרואיזם — ווען ער שרייבט אויף דעם באנער פון פראמעטהעאים פער־זענליכע פרייהייט און ליעבע צו דער מענשהייט. אידעאלען פון א קראפאטקין און א טאלסטאי פון איין זייט און א ניטשע און שטירנער פון דער אנדערער זייט — איך ווייס ניט צו זאל איך איסכילאס באוואונדערן צי זאל איך בע־וואונדערן יענע עפאכע יועלכע האט געקאנט ענטוויקלען זאלכע דיכ־טער ווי איסכילאס, סאפאקלעס, איריפידעס א. ז. יו. עס איז ווירקליך א היסטארישעס פארברעכען, דאס דער נאכפאלגענדער פינסטערער, אסקעטישער און ספיריטועלער קריס־טענטהום האט פערניכטעט די רענעסאנס פון אלטערטהום און דאס, וואס איז אונז פארבליבען און איז גערעטעט געווארען פון פערניכ־טונג דורך רעליגיעזען שייטער־הויפען, איז אונז דאפעלט טהייער — טהייער איז אונז פראמעטהעאוס אלס די פארקער־פערונג פון אונזערע אידעאלען.

צולעצט, אויף קיין פאל זיך ניט אונטערווארפענדיג אונטער די אויטאריטעט פון זעאוס ערווארטעט ער מיט הערא̇ישען מוטה די ראכע פון דעם טיראנישען גאט, וועלכער שליידערט אויף איהם זיינע דונערען און בליצען, און פראמעטהעאים זינקט ארונ־טער צום אבגרונד, פארדאמט דורך די ראכע פון זעאוס, און זינקענ־דיג אין דער נאכט פון זיין פערדאמונג, זיפצט אויף דער טיטאן און רופט אוים צו די עלעמענטען פון דעם יוניווערז דעם בלוטיגען פארוואורף פון מארטירערטהום וואס הילכט נאך אימער־

פאָרט דורך די טויזענדע יאָהרען פון דער וועלט־געשיכטע, די סומע פון אַלע שמערצליכע געשרייען פון אַלע מענשליכע געמאַטערטע טינאַנען — וועמענס ווײַנענדער עכאָ הילכט אָב צוריק פון די האַרטע פעלזען — — — — — — — — — — — —

— זעהט ווי איך לייד דיזע אינגערעכטיגקייט! — שרייט אוים פראָמעטהעאוס, און געהט אונטער מיט דעם שטילען מרויסט און דעם בעוואוסטזיין פון זיין צוקינפטיגע דערלייזונג דורך הערַאקלעס, וועלכער יועט עפענען פאַר איהם דעם טהויער פון פרייהייט דורך די פעראייניגונג, דורך דעם פריעדענס־בונד מיט דעם צאָרניגען גאָט. דיזער הערַאקלעס איז דער סימבאָלישער בעגריף פון די זעהנזוכט פון דער מענשהייט, יועלכע זוכט זיך אַליץ מעהר צו ענטוויקלען, און העכער אַרויפצושטייגען אויף דעם לייטער פון פאַלקאָמענהייט נעהענטער צו דעם גאָט אין דעם מענשען; מיט דעם בעוואוסטזיין פון זיין געטליכען טהייל פון זיין איך און מיט דאָס דערקענען פון דיזען איידעלן פונקט אין זיך אליין איז דער פראָבלעם פון די בלוטיגע וועלט־דראַמא געלייזט דאָס מענשליכע אין דעם אינדיווידואום האָט דאָס געטליכע אין זיך ענטדעקט, און זיך ווידער פאַראייניגט האָט זיך די געפאַלענע מענשהייט יוידער דערהויבען אַלס גאָט־מענשען, אַלס עכטע פרייע טיטאַנען. דורך די זעהנזוכט צו די געטליכע פרייהייט, וואהרהייט און איידעלקייט, האָט ער זיין איך געלייטערט און זיך בעפרייט פון די שקלאַפען־מאָראַל (די קייטען פון פראָמעטהעאוס) די האַרמאָניע פון דאָס מענשליכע מיט דאָס געטליכע איז געוועזן דער אידעאַל פון איסכילאָס.

נייע שטערנס זיינען אויפגעגאַנגען אין אַטהען, סאָפאָקלעס און איריפּידעס האָבען אָנגעפאַנגען שטייגען צו זייער טריאומף (454 בעפאָר קריסטוס), דער אַלטער איסכילאָס האָט גענומען אָבשיעד צום דריטען און צום לעצטען מאָל פון זיין היים און זיין פאַטערלאַנד און איז אוועק ווייט איבער דעם ים. דאָרט אין דעם סיקילישען געלא איז ער געשטאָרבען (אין דעם יאָהר 456 בעפאָר קריסטוס) אַזוי ווי די לעגענדע דערצעהלט דורך אַ שילדקראָט, וועלכע אַ אָדלער האָט געלאָזט פאַלען אויף זיין קאָפּ,

אזוי איז ער ערפילט געוואָרען די פּראָפעצייהונג פון דעם אָראַקעל וועלכעס האָט איהם פאָראויסגעזאָגט: דאָס אַ שאָס פון הימעל וועט איהם טויטען. אויף זיין קבר איז געווען אויפגעשריעבען:

א י ס כ י ל אָ ס רוהט דאָ, דער זוהן פון א י י פ אָ ר י א ן, ד ע ם אָ ט ה ע נ ע ר,

וועלכער האָט אין די קאָרן-רייכע פעלדער פון ג ע ל א געפונען דעם טויט.
מ א ר א ט ה אָ נ ס הייליגטום רעדט נאָך פון די קראַפט פון דעם בע-
ריהמטען קעמפפער,

און נאָך פון איהר, דער יעניגער וועלכער האָט עס ערפאַהרען: מעדיענס געלאָקטער זוהן

די בעריהמטהייט פון דעם טויטען איז געווען אַלס אטהענער קריעגס-העלד, אונשטערבליך איז אָבער פאַר אונזער איס-כילאָס דער בעריהמטער דיכטער פון די טראַגעדיען, וועלכער איז גע-פאָהרען איבערן ים ווייט אוועק פון זיין היים, אום די קולטור פון איירָאָפּא צו באַגליקען און מיט דעם אויף שפּעטערע צייטען די וועלט מיט זיינע טראַגעדיען צו בעלייכטען.

עהרע דעם זשעניוס פון איסכילאָס.

לעאָפּאָלד בערגמאַן.

ניו-יאָרק דעם 3-טען נאָוועמבער, 1912.

דער געשמידעטער פראמעטהעאוס.

טראגעדיע פון
א י ס כ י ל אָ ס

צוערסט אויפגעפיהרט אין סיראקיוז 475 יאָהר פאָר קריסטוס

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

העפאיסטאָס, דער געטליכער שמיעד, זוהן פון זעאוס.
קראטאָס (קראַפט)
ביאָ (געוואַלט),
זיינע געהילפען

אָקעיאנאָס, דער גאָט פון'ם ים.
די אָקעיאָנידען (צוויי רעדנערינס), זיינע טעכטער.
הע־מעס, דער געטער־שליח, זוהן פון זעאוס.
יאָ, די טאָכטער פון א י נ א כ אָ ס, געליעבטע פון ז ע א ו ס.
פראמעטהעאוס, דער ט י ט א ן, זוהן פון י א פ ע ט אָ ס.
סצענע: פוסטע פעלזען־געגענד ביים שוואַרצען ים.

(העפאיסטאָס, קראַטאָס און ביאַ פיהרען דעם געשמיעד־טען פראָמעטהעאוס אונטער דעם פעלזען־אָבגרונד).

קראטאָס:

דער ווייטסטער אָרט פון דער וועלט איז שוין דערגרייכט
די אונבעטרעטענע, פוסטע סקיטהען־ברעגעס*);
געדיינקט, העפאיסטאָס, אָן דעם פאָטער'ס וואָרט,
וועלכער האָט דיר באַפוילען דיזען פאַרברעכער
מיט אונצוברעכליכע איינגע אייזען־קייטען
אויפ'ן שפּיץ פון'ם פעלזען אָנצושמיעדען.
דען דיין בעריהמטע מאכט דעם טהייערן שטראַהל פון'ם געטליכען פייער
האָט ער גערויבט און געבראכט צו די שטערבליכע מענשען.
די שטראָף אָבקומען מוז ער, פאַרשולדיגט צו די געטער
דאָס ער זאָל לערנען עהרען די געוואַלטיגע מאכט פון זעאוס
און ניט מיט מענשען־ליעבע זיך מעהר אָבצוגעבען.

העפאיסטאָס:

גאָרנישט הינדערט דיר קראַטאָס און ביאַ
דעם פאָטערס וואָרט גיך אויסצופיהרען,
מיר אָבער שרעקט עס דעם מיר זעהר נאָהנטען גאָט
אויפ'ן נאַקעטען, קאַלטען שטורם־פעלזען פעסט צו שמיעדען
דאָך מוטה געווינען מוז איך: דען זעאוס געבאָט
צו איבערטרעטען איז אַ שווערע טהאַט.

(צופראָמעטהעאוס)

דו קלוגער זוהן פון דער גערעכטער טהעמיס,
ווי בינד איך טרויעריג דיך, דעם טרויעריגען,
מיט שטאַרקע אייזען־קייטען אָן דעם פוסטען פּלאַץ,
דאָ, וואו דו וועסט ניט זעהן די מענשליכע וואנדערער

---

*) אַ לאַנדשאַפט אין גריכענלאַנד.

און וועסט ניט הערען זייער דיר זעהר זיסע שפּראַך
די שאַרפע, גליהענדע זונען־שטראַהלען
ווערען די בליהונג פון דיין לייב פאַרצעהרען
זיס, וועט דיזען בראַנד די טונקעלע נאַכט דיר רויבען
דאָך שרעקליך איז דער פראָסט פון דעם פריה־מאָרגען,
און איינעם פאָרט וועט זיך אין פלייש דיר שניידען דער צאָהן
פון ליידען: ד י י ן ב ע פ ר י י ע ר ל ע ב ט נ אָ ך נ י ט ! —
דאָס איז די פרוכט פון דיין מענשען־ליעבע,
ווייל דו — אַ גאָט — אויפ'ן צאָרן פון די געטער ניט אַכטענד,
האָסט די שטערבליכע מענשען צו רייך באַשאָנקען !
פעסט אָנגעשמיעדט, אָהן שלאָף מיט שטייפע קניע
מוזט דו דערפאַר דעם נאַקעטען פעלזען היטען
און יאָמערסט טויזענד זיפצען, טויזענד קלאָגען
אומזונסט אַרויף צום הימעל, יואו דער גאָט
מיט האַרטען זין זיין נייע הערשאַפט אויסאיבט.

ק ר א ט אָ ס :

קען זיין ! אָבער וואָס שטעהסט און קלאָגסט דו דאָ אומזונסט ?
איז דיר דער גאָט־פערהאַסטער ניט פערהאַסט ;
דער וועלכער האָט דיין מאַכט צו די מענשליכע פעלקער פעראַטהען ?

ה ע פ א י ס ט אָ ס :

געוואַלטיג איז די געבונדענשאַפט פון אייגען בלוט !

ב י א :

דערפאַר גילט דיר דעם פאָטערס וואָרט אַזוי פיעל ?
פאַר דעם, מיין איך, האָסט דו באַדאַרפט זיך פאָרכטען ! —

ה ע פ א י ס ט אָ ס : (מיט אבשיי)

יאָ, דו ביסט אַלעמאָל פרעך און רויה !

ב י א :

איהם קענען דיינע טרעהרען דאָך ניט העלפען
וואָס טויג דאָס דיר ? עס ברייננט דיר ניט קיין נוצען.

ה ע פ א י ס ט אָ ס :

פאַרשילטען וואָלט איך דאָך מיין גאַנצע קונסט !

ק ר א ט אָ ס :

וואָס באַליידיגסט דו איהר ? איז דען אָן אַל דאָס ליידען דאָ

דיין קונסט דען שולדיג?

ה ע פ א י ס ט א ס:

וואַלט איהר אן אנדערער געפּראַגען געשאַנקען!

ק ר א ט א ס:

די הערשאַפט קענט איהר נעמער זיך ניט וועהלען;
ד ע ן פ ר י י א י ז ק י י נ ע ר, א ו י ס ע ר ז ע א ו ס א ל י י ן.

ה ע פ א י ס ט א ס:

איך ווייס עס און ווידערשפּרעכען טאָר איך ניט.

ב י א:

דאַן נעהם זיך צו דער ארבייט, שמיעד איהם אַן די קייטען,
היט זיך דער פאַטער זאָל ניט זעהן דיין ציטערען!

ה ע פ א י ס ט א ס:

אַט זיינען זיי דאָך שוין דאָ, אַט ליגען זיי צו דער האנד.

ק ר א ט א ס:

(מיט ביא צוזאַמען שלעפּען זיי פּראָמעטהעאוס אויפ'ן מיטעלען פעלזען)

נעהם און שליעם דעם רינג ארום זיין געלייגק;
דאַן שמיעד דאָס אייזען פעסט צום פעלזען.

ה ע פ א י ס ט א ס: (לייגט אַרום דעם רינג ארום פּראָמעטהעאוס אָרם)

שוין צָהנע אויפהאַלט ווערט דאָס אויסגעפיהרט

ב י א:

ציה פעסטער, פעסטער, פארשנורעווע, לאָז ניט נאָך!
דער קלוגער קען אויך שטאַרקערע קייטען ברעכען

ה ע פ א י ס ט א ס:

נו האַלטען זיי אונצוברעכליך פעסט זיין אָרים.

ק ר א ט א ס:

דעם אַנדערען אויך! זאָל ער דאָך איינמאָל פיהלען
דאָס ער איז עטוואָס ווענינער קלוג ווי זעאוס!

ה ע פ א י ס ט א ס: (פאַרשמיעדט דעם לינקען אָרים)

מיט רעכט וועט ער אויף דיזע קייטען שעלטען.

ב י א:

שלאָג איהם דעם שאַרפען צאָהן פון דאָס געשפּיצטע אייזען
מיט קראַפט אין מיטען דורך דער ברוסט אריין!

ה ע פ א י ס ט אָ ס:

אָך או וֿוועה! פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס, איבער דיינע ליידען וויין איך

ק ר א ט אָ ס:

דו פיהלסט נאָך מיטלייד? באַווייינסט דעם פיינד פון ז ע א ו ס?

ב י א:

היט זיך, דאָס דו זאָלסט זיך ניט אליין באַוויינען
דו זעהסט עס דאָך, דאָס שרעקליכע שוי׳ס שפיעל...

ק ר א ט אָ ס:

גערעכטע שטראָף, זעה איך, טרעפט דעם שולדיגען.

ב י א: (צו ק ר א ט אָ ס)

מאַך גיכער, וואַרף די קייטען איהם ארום די זייטען!

ה ע פ א י ס ט אָ ס:

עס איז נויטווענדיג, — וואָס באַפעהלסט דו נאָך?

ב י א:

באַפעהלען ווער איך, און נאָך שטאַרקער שרייען:
ארונטערשטייג און שליעס איהם פעסט די שיינקלען.

ה ע פ א י ס ט אָ ס:

(מיט קראַטאָס צוזאַמען אַרומלייגענדיג די קייטען ארום דעם קערפער
פון פראָמעטהעאוס)

מיט ווייניג מיה האָבען מיר אונזער אויפגאבע אויסגעפיהרט.

ק ר א ט אָ ס: (צו העפאיסטאָס)

די איינגע אייזען־רינגען לייג איהם נאָך ארום.

ב י א:

ציה פעסט; דען דער געביעטער נעהמט עס זעהער שטרענג.

ה ע פ א י ס ט אָ ס (די פוס־רינגען פעסט שליסענדיג צו ביא):

אָי, ווי די צונג און אויסזעהן זיך צוזאמענפאסען!

ב י א:

זיי דו נור אזוי ווייכליך, ווענען מיין הארטען כאַראַקטער
און פון ווענען מיין צאָרן זאָלסט דו מיר ניט שעלטען.

ה ע פ א י ס ט אָ ס (איבערוועלטיגט פון שמערצען):

מיר קענען שוין געהן! — ער ליעגט שוין פעסט געבונדען.

(אָב).

ק ר א ט אָ ס (צופראָמעטעהוס):

נו פראָהל זיך יעצט און רויב די געטער־מאַכט

און גיב עס אוועק צו די איינטאָגס־מענשען!

וואָס קענען זיי פון דיינע ליידען נעהמען?

ב י א:

אַ ליגנער־מויל, וואָס דיך האָט „פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס" גערופען!

דען „פ ע ר ז אָ ר ג ל י ך" מיין פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס ביסט דו ניט געוועזען:

און דערפאַר בלייבט דיר יעצט דער גאַנצער רעסט פון זאָרגען.

(ביידע אָב).

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס (אַליין):

אַ הייליגער עטהער! לייכט זיך באַוועגענדער לופט־שטראָם!

אונענדליכע כוואַליעס פון די ימים!

איהר שטראָמען־קוואַלען! מוטער ערד!

דו אַלעס זעהענדע אויג פון הימעל

דורך געטער לייד איך, אַ גאָט אַליין, דיזע שמערצען

און מיינע ליידען, איינגעצעהלט אין יאָהרען

פערצעהרען שענדליך מיר געבונדענעם,

דאָס אַלעס אויסגעקלעהרט פונ׳ם יונגען הערשער.

וועה מיר! וועגען טאָפּעלטע ליידען מוז איך קלאָגען

ניט אַליין וואָס איך לייד — אויך וועגען וואָס איך ערוואַרט נאָך,

איך זעה קיין ענדע ניט פון מיינע שמערצען

דאָך וואָס רייד איך? אַלעס וויים איך דאָך;

וואָס עס דאַרף קומען, וויים איך גוט גענוג;

ניט אונערוואַרטעט טרעפט מיר מיין בעשטימונג.

געדולדיג מוז איך אַלעס אויף זיך טראָגען:

ב ז י ע ג ע ן ק ע ן מ ע ן נ י ט ד י מ אַ כ ט פ ו ן מ ו ז.

דאָך זאָל איך שווייגען? אַך, און שווייג איך ניט,

ווי זאָל איך עס אָנרופען? דערפאַר ווייל איך האָב

די מענשהייט באַגליקט — בין איך פערדאַמט!

ווייל איך האָב זיי דאָס געטליכע פייער געבראַכט

מיט וואָס זיי האָבען געמאַכט פיעל קינסטליכע ארבייט

אויף אַלע געביעטען, דאָס איז מיין פאַרברעכען

פאַר וואָס איך בין ווערט צום פעלז אָנצושמיעדען.
אַך וועה, וועה, וועה! — — וואָס פאַר א גערויש?
אונבעקאַנטעס שוועבט צו מיר פון דעם עטהער!
איז עס געטליך? שטערבליך? האָט עס איןביידען א טהייל?
ווער נעהענטערט זיך דאָ צו מיר אין דיזער איינזאַמקייט?
אַ עדות פון מיינע ליידען? אָדער וואָס? —
יא, זעהט אין קייטען מיר דעם געהאַסטען גאָט,
דער וואָס פאַרדיענט דעם צאָרן פון זעאוס און אַלע געטער
זוייל ער איז געווען אַ טרייער פריינד צו מענשען!
אַי וועה! וואָס הער איך ווידער? — דאָס גערויש —
איך הער ווי די לופט זיפצעט אזוי
ווי פון לייכטע פליגלען געטראָפען —
וואָס מיר זאָל דאָ ערשיינען,
עס איז מיר שרעקליך! —
(די אָקעיאַנידען ערשיינען איינע נאָך די אַנדערע אין דער הויכקייט)
ע ר ש ט ע אָ ק ע י א נ י ד ע :
פאָרכט זיך ניט! אַלס פריינדע ערשיינען מיר
צו דיר אויף דיין פעלזען, דורך די שטורמדיגע טענער
פון אונזער פאָטערס שפראַך, דאָס רוישען פון די ימים, איז דער
נאָך שטאַרקערער, דונערנדער קלאַנג פון די שמיעד־האַמערן
אין אונזערע הוילען געדרונגען, פאַריאָגט האָט ער
אונזער שעמעוודיגקייט, מיר זיינען גלייך אין דעם געפליגעלטען וואָגען
געשטויגען, און גיכע לופט־כוואַליעס האָבען אונז צו דיר אראָב געטראָגען.
(זיי קומען פון דער הויכקייט אין דעם פאָדערגרונד).
אַך דו ארויסגעשפּראָצטער צווייג פון דער קינדער־רייכער
ט ה ע ט י ס —
איהר טעכטער פון אָקיעאַנאָס, וועלכער האָט אַל דאָס לאַנד
מיט זיין קיינמאָל מיעדען שטראָם ארומגערינגערינגעלט!
זעהט, אין וואָס פאַר אַ קייטען איינגעשמיעדט
אויף דיזען הויכען שפּיץ פון די פעלזען
מוז איך האַלטען דיזע אונגליקליכע וואַך.

ע ר ש ט ע אַ ק ע י א נ י ד ע:

איך זעה עם פּראָמעטהעאוס, און עם שטייגען
אין מיינע אויגען טרעהרען־וואָלקען ארויף
ווען איך זעה דיר אין אייזען געשמיעדט, אזוי צו שמאַכטען
אויף דיזער פעלזען וואנד — יא נייע הערדען זיצען
אין דעם אָלימפּ ביים רודער; אונגערעכט אורטיילט
נאָך נייע געזעצען זעאוס, און די עהרווירדיגע
אוראָלטע־געזעצען פון די טיטאַנען לעשט ער אויס.

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

וואָלט ער מיר דאָך אין דעם שויס פון דער ערד
טיעף אין האדעס שאָטען־רייכער הויז פערזונקען
און וואָלט מיר אין דעם אונבעגרענצטען טארטאראָס אריינגעשליי־
דערט

אין זאָלך אַ אונדרינגליכען פינסטערן אָבגרונד,
דאָס מיר קיין גאָט, און קיינער זאָל ניט זעהן
און פרעהען זיך! איך אָבער, איך אונגליקליכער, היינג דאָ
אַ לופטיגער צוויבער־שפּיעל פאר די לוסט פון מיינע פיינד!

ע ר ש ט ע אַ ק ע י א נ י ד ע:

ווער פון די געטער האָט אַזאַ האַרטע הארץ,
דאָס ער זאָל זיך קענען פרעהען? ווער האָט ניט
מיטלייד מיט דיינע ליידען? נ ו ר ז ע א ו ס,
ער האלט מיט אַ האַרטען געדאנק און מיט צאָרן
דאָס געשלעכט פון א ו ר א נ אָ ס געבונדען
און וועט געוויס קיינמאָל ניט ענדיגען — ביז ער ווערט
ניט האָבען געזעטיגט זיין הארץ — אָדער אירגענד ווער
וועט די שווערע הערשאַפט פון איהם מיט קלוגשאַפט אוועקנעהמען.

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס (האַלב פאַר זיך):

ער וועט אַמאָל מיר דאָך נאָך נויטיג האָבען,
דער האר פון די געטער — אָבגלייך ער מיר יעצט
האָט פארשטויסען און אין קייטען געוואָרפען — דאָס איך זאָל איהם
זאָגען

ווער עס וועט איהם דעם סצעפּטער פון מאַכט אוועקרויבען
דאן וועט ער מיט האָניג־זיסע ווערטער

גענוג מיר שמייכלעריש זינגען,
ביז וואן ער וועט מיר ניט פון די קייטען דערלייזען
און וועט מיר ניט האבען גענוג פארגאלטען פאר מיינע שמערצען
ערוואַרט ער פון מיר די פראפעצייהונג געוויס ניט צו הערען.

ע ר ש ט ע אָ ק ע י א נ י ד ע (פארשראָקען):

בענדיג דיין שטאָלץ און לעהרען אַ גוטען ראטה
פון דיינע שמערצען! — צו וואָס אזא שטאָלצע שפּראַך?
עס דרינגט אַ טיעפער שרעק מיר אין מיין הארצען,
די שרעק וועגען דיין שיקזאל, ווען ענדליך דאָך
וועסט דו דעם פּאָרט פון דיינע ליידען זעהן?!
קיין בעטען העלפט ניט צום ק ר אָ נ י ד ע ן
דו קענסט דאָך גוט זיין הארטע הארץ.

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

איך וויים ער איז אַ הארטער גאָט און האלט
דאָס רעכט געפאנגען, דענאָך וועט זיין זין,
נאָך אַ הארטען שטוים, געוויס וויך ווערען!
דאַן וועט ער זיין אַלטען צאָרן פערגעסען,
און מיט ליעבע און פריינדשאפט לויפט ער דאַן
פול מיט זעהנזוכט צו מיר דעם זעהנזיכטיגען ווידער צוריק.

א י י ן א נ ד ע ר ע אָ ק ע י א נ י ד ע:

זאָג אונז, ערקלעהר אונז אַלעס גאַנץ גענוי!
פאר וועלכע שולד האָט זעאוס דיך פערדאמט
צו זאָלך איין הארטער, שרעקליכער שטראַף? רעד,
ערקלעהר אונז ווען עס דיר קיין שמערצען פערשאפט!

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

אָבגלייך עס טהוט מיר וועה דערפון צו רעדען —
טהוט עס מיר וועה עס צו פערשווייגען — אַלעס שמערצט מיר! —
ווען עס האָבען זיך די געטער שטארק צוקריגט,
מיט ביטערן כעס האָט אויפגעפלאַמט דער שטרייט —
די איינע האָבען געוואָלט ק ר אָ נ אָ ס ארונטערוואַרפען,
און ז ע א ו ס אויפהויבען צום טהראָן, די אנדערע אָבער
זיינען געוועזען געגען זיין הערשאפט איבער די געטער.
צום אונגליק האָבען די ט י ט א נ ע ן, פון א ו ר א נ אָ ס,

די קינדער פון דער ערד ניט אָנגענומען מיין ראַטה;
פּאַרוואָרפען האָבען זיי די פיינע קונסט, און זיי האָבען
געגלויבט דורך קראַפט, לייכט דעם זיעג צו געווינען.
מיר אָבער, מעהר ווי איינמאָל, האָט ט ה ע מ י ס ג א י א,
מיין מוטער, וועלכע איז רייך אין נעמען, די צוקונפט
פאָרויסגעזאָגט, ווי עס וועט זיך ענדיגען:
נ י ט ד ו ר ך ג ע ו ו א ל ט א ו ן ש ט א ר ק י י ט, נ ו ר
ד ו ר ך ק ל ו ג ש א פ ט
ק ע נ ע ן ז י ך ד י ז י ע ג ע ר ז י י ע ר ה ע ר ש א פ ט
פ ע ר ז י כ ע ר ן.
איבערגעגעבען האָב איך דיזען ראַטה צו זיי מיט מיינע ווערטער;
זיי האָבען זיך קוים מיט אַ בליק צו מיר געווענד'ט
דאָ האָט עס געשיינט צו זיין פאַר מיר דאָס בעסטע,
פאָלגענדיג דעם ראַטה פון מיין מוטער, אַלס גענאָסע
פרעהליך דעם פרעהליכען גאָט בייצושטעהן.
אַזוי ווי מיין ראַטה, האָט באַגראָבען דער ט א ר ט א ר אָ ס
דעם אַלטען ק ר אָ נ אָ ס מיט זיינע קאַמפּסגענאָסען.
און פאַר דאָס פון מיר גענאָסענע, האָט מיר דער טיראַן פון די געטער
דאַן בעלויהנט מיט דיזע שווערע שטראָף, פאַרשטעהט זיך,
ד ע ן ד אָ ס א י ז ד י ק ר א נ ק ה י י ט פ ו ן ט י ר א-
נ ע ן-ה ע ר ש א פ ט;
ד אָ ס ד י א י י ג ע נ ע פ ר י י נ ד ק ע ן ז י א ו י ך
נ י ט פ ע ר ט ר ו י ע ן!
און ווער עס פרעגט מיר נאָך, פאַר וועלכע שולד ער האָט
מיר פאַרדאָרבען, דעמיעניגען וויל איך אויך דאָס ערקלעהרען:
קוים האָט ער דעם פאָטער טראָהן באַשטיעגען
האָט ער פאַרטהיילט זאָ פאַרט צו יעדען גאָט אַ עהרען-פּאָסטען
און האָט זיך איינגעריכטעט זיין הערשאפט; די אָרימע מענשען
אָבער
האָט ער גאָרנישט בעדאַכט, דען דאָס מענשליכע געשלעכט
האָט ער געוואָלט אין גאַנצען אויסראָטען און אַ נייע בעשאַפען;
און קיינער איז ניט געווען דאַגעגען, אויסער מיר.
איך האָב דאָס געוואַגט; איך בין געוועזן דער מענשהייט-רעטער

דאָס זי איז ניט צושטערט און ניט פערזונקען געוואָרען אין
ה א ד ע ס

טרויעריג צו טראָגען, יאָמערליך צו זעהן!
דערפאר לייד איך יעצט די שמערצליכע לאסט פון די קייטען
ווייל איך האָב מיט די מענשהייט מיטלייד געהאָט
האָב איך דאָך אליין דאָס מיטלייד ניט פערדיענט!
אזוי גרויזאם מיסהאנדעלט, ווירקליך א טרויעריגעס
שוישפיעל, אזוי ליעג איך דאָ פאר זעאוס.

ע ר ש ט ע א ק ע י א נ י ד ע:
פון שטיין און אייזען איז זיין זין געשאפען,
ווייל ער דיינע ליידען, פראָמעטהעאוס, טיעף
ניט מיט דיר פיהלט, איך האָב קיינמאָל ניט געטראכט
דאָס אלעס צו זעהן, און זעהענדיג דאָס ברעכט מיר מיין הארץ.

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:
אך, יאָ, פאר מיינע פריינד בין איך נאָך א יאָמער!

צ ו ו י י ט ע א ק ע י א נ י ד ע:
דערצעהל זשע ווייטער, דו האָסט דאָך נאָך ניט פארענדיגט.

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:
איך האָב פערשלאָסען דעם בליק פון די מענשען אין זייער שיקזאל.

צ ו ו י י ט ע א ק ע י א נ י ד ע:
און וואָס פאר א מיטעל האָסט דו דערצו אויסגעפונען?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:
די בלינדע האָפנונג האָב איך אין זיי איינגעפלאנצט.

ע ר ש ט ע א ק ע י א נ י ד ע:
מיט דעם האָסט דו ווירקליך די מענשהייט בעגליקט!

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:
דאָן אויך דעם פלאם האָב איך זיי מיטגעטהיילט.

צ ו ו י י ט ע א ק ע י א נ י ד ע:
היטען זיי אלע מאָל די גליהונג פונ'ם פייער?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:
און פיעל קונסט לעהרנען זיי פונדעם,

צ ו ו י י ט ע א ק ע י א נ י ד ע:
פאר זאָלכע פארברעכען האָט דיך זעאוס געשטראָפט?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

מיט זאַלץ איין שמאַך — און לאָזט מיר קיינמאָל פריי.

צ ו ו י י ט ע אָ ק ע י א נ י ד ע :

זעהסט דו קיין ענד פאר דיינע ליידען?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

קיין ענד און ציעל! ווען עס יענעם ניט געפעלט.

ע ר ש ט ע אָ ק ע י א נ י ד ע :

ווען עס איהם געפעלט? ווי האָפסט דו? ווייסט דו ניט,
דאָס דו האָסט געפעהלט? דאָך זאָגען ווי דו האָסט געפעהלט:
מאַכט מיר קיין פרייד און דיר ברייננגט עס נור שמערצען,
דערפאר לאָז איך עס רוהען, דאָך זוך איך דיין בעפרייאונג!...

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

ל י י כ ט ק ע ן ד ע ר, ו ו ע מ ע ס פ ו ס א י ז פ ר י י
פ ו נ 'ם נ ע ץ
ד ע ם ג ע ב ו נ ד ע נ ע ם ר א ט ה ע ן א ו ן ל ע ה ר נ ע ן
מיר איז דאָס אַלעס שוין געווען בעוואוסט,
מיט ווילענס האָב איך דאָס פערברעכען געטהאָן איך לייקען דאָס
ניט;
דעם מענשען העלפענדיג האָב איך מיר פארשאפט די נויט.
אַזוי אָבער האָב איך דאָך קיינמאָל געטראַכט
באשטראָפט צו ווערען, דאָ אויפ'ן איינזאַמען פעלזען,
אויפ'ן נאַקעטען שטיין צו שמאַכטען!
הערט אויף צו יאָמערן, קומט ענהענטער צו
און הערט זיך איין אום די צוקונפטיגע
שרעקליכע בעשטימונגען צו בעגרייפען.
טהוט דאָס מיר, טהוט דאָס מיר צוליעב, זייט מיר געגאָסען
אין מיינע שרעקליכע ליידען! א ז ו י צ י ה ט
ד אָ ס א ו נ ג ל י ק ב ל אָ נ ד ז ש ע נ ד י ג פ ו ן ב ר ו ס ט
צ ו ב ר ו ס ט.

צ ו ו י י ט ע אָ ק ע י א נ י ד ע :

ווען מיר זיינען פון פליגעל־וואָגען ארויס געשטיגען
וועלכער האָט אונז דורך דעם לופט וועג פון די פויגעל געטראָגען,
און האָבען דיזע פעלזען־געגענד באטראָכטען, דאן זיינען מיר

בערייט געווען, דיין גאַנצען שיקזאַל, אָרימער, מיטצופיהלען,
און ווען דו רופסט זיינען מיר פאר דיר בערייט.

אָ ק ע י א נ אָ ס (טרעט אויף ראש אין פאָרדערגרונד):

דאָ בין איך שוין צום ציעל נאָך אזא וויטע פאָהרט!
צו דיר פּראָמעטהעאוס, האָט מיר געטראָגען
מיין ווינק געהאָרכענד, מיין געפליגעלטעם פערד;
דען שמערצליך פיהל איך דיין שרעקליכען שיקזאַל,
אַזוי טרייבט מיר, דיינק איך, די פליכט
פון אייגען בלוט, דאָך אויסער דעם
לעבט ניט פאר מיר קיין טהייערסטערער ווי דו.
און דאָס זאָלסט דו וויסען; אייטעל געפּלוידער
איז ניט פאר מיר, אַלזאָ זאָג מיר גיך
אויף וועלכער אַרט איך קען דיר דיענען;
און זאָגען וועסט דו דאָס פון אַלע פריינד
איז אָ ק ע י א נ אָ ס דיר, אַלס בעסטער געבליעבען.

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

ווי? דו קומסט אויך אַלס עדות פון מיין וועה?
דו וואַגסט עס? דיינע וואַסערן, די פעלזען־גראָטען,
די זעלבסט־געוועלבטע, האָסט דו פערלאָזען,
און קומסט צו דעם אייזענס מוטערליכע ערד
צו זעהן מיין אונגליק, און מיין יאָמער מיט
צו בעקלאָגען? זעה זיך אָן דאָס בילד!

ד ע ר פ ר י י נ ד פ ו ן ז ע א ו ס, וועלכער האָט איהם צו
זיין הערשאַפט פערהאָלפען
צו זאָלך איין שרעקליכעם ליידען האָט ער איהם פערוואָרפען.

אָ ק ע י א נ אָ ס:

איך זעה עס, פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס; יא איך וויל
דיר פיעל־געניעטען נאָך צום בעסטען ראטהען:
ע ר ק ע ן ז י ך ז ע ל ב ס ט, פאַרענדער דיין זין, דען
עס הערשט דאָך אַ נייער האַר;
און זאָלכע שאַרפגעשפּיצטע ווערטער, פריינד
ווי דו עס שליידערסט, הערט ער צו באַלד
אָבגלייך ער אין די העכסטע הויכקייט טהראָנט,

און דיזע שווערע שמערצען וואָס דו טראָגסט
וועט דיר נאָך דאן אַלס קינדערשער וויטץ ערשיינען,
דערפאר, אונגליקליכער, האַלט איין דיין גרימצאָרן
און רעטונג זוך פון דיינע ליידען!
איך רעד טאַקע צו דיר פון וואָס א יעדער ווייס
דאָך טרעפט זיך דאָס, פראָמעטהעאוס פון דאָס ניי
ביי זאָלכע שטאָלצע צונגען ווי דער:
דיין עלענד איז דיר ניט גענוג, דו קענסט זיך ניט
צו פּאסען צו דיין שיקזאַל — און פארמעהרסט עס זיך!
אָ וואָלסט דו געפאָלגט מיין ראטה!
ניט שלאָג אויף דאָס וואָס שטעכט דיר, ווען דו זעהסט
ווי געוואלטיג שטרענג א אונבעשרענקטער הערשער הערשט!
וואָס איך פערמאָג, דאָס טהו איך, איך ווער געהן און זוכען
ווי דיר צו קענען לינדערן דיין שמערץ;
דו אָבער ווער שטיל און לעסטער ניט!
וואָס? זעהסט דו קלוגער דען ניט קלאָהר גענוג,
ווי דאָס בלינדע רעדען ברייננגט דיר שווערע שטראָף?
פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:
גליקליכער, וועלכער געהט אָהנע שטראָף אזוי פריי ארום
און וואגסט עס נאָך מיט מיר אין פריינדשאפטס־בונד!
נו אָבער לאָז זיך אָב פון דעם און זאָרג ניט,
דו קענסט איהם דאָך געוויס ניט איבערעדען;
ער איז א איינגעשפּארטער קאָפּ! זעה נור צו,
דו זאָלסט זיך ניט מיט דיעזען גאַנג אליין שאָדען טהאָן.
אָ ק ע י א נ אָ ס:
פיעל בעסער דיינקסט דו אַלץ פאר אנדערע
און ניט פאר זיך אליין: דאָס מערק איך אין דער טהאט!
און האַלט מיר ניט אָב פון דאָס וואָס איך נעהם זיך אונטער;
איך האָף, איך האָף אויף די גנאַדע פון ז ע א ו ס,
דאָס איך זאָל דיר קענען פון די שווערע קייטען באפרייען.
פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:
דער גוטער ווילען פעהלט דיר ניט, דערפאר עהר איך דיר
און וועל דיר אימער פאַרעהרן, אָבער יעצט

בעמיה זיך ניט אומזונסט, מיר,
ווי גערן דו וואָלסט, קענסט דו דאָך ניט העלפען ;
דערפאר זיי רוהיג און האלט זיך פריי,
דען קיינמאָל וואָלט איך געוואָלט, ווייל איך לייד אליין,
דאָס אנדערן זאָל אזא מין אונגליק טרעפען.
איך לייד שוין גענוג פון דעם גורל פון אטלאס
מיין ברודער, וועלכער ווייט אין מעריב שטעהענדיג
מוז טראגען אויף זיך די שווערע לאסט,
די זיילען פון הימעל און ערד,
אויך טהוט מיר וועה וועגען די ליידען פון טיפאָן
וועלכער אין קליקיענס הוילען האָט געוואָהנט
אלס שרעקליכעס וואונדער, דיזער זוהן פון דער ערד
פלעגט מיט זיין הונדערפאכען קאָפּ די שטארקסטע געוואלט
בעזיעגען, מיט זיינע ווילדע ציינער קריצענד פלעגט ער
אלע געטער ווידערשטעהן, עס האָט געצוקט
פון זיינע אויגען א שרעקליכער גלאַנץ,
ער האָט געוואָלט דעם טיראנען־טהראָן פון הי־
מעל שליידערן
דאָ האָט דער זעאוס איהם מיט זיין דוננער און בליץ
געטראָפען ביז'ן הארצען און איהם אריינגעשליידערט
טיעף אין דרערד, און יעצט ליעגט ער אָהן קראפט
אויסגעשטרעקט ביים ברעג וואו זיך די ימים טרעפען
טיעף אין דעם ווארצעל פון דער עטנא פארזונקען,
און אויבען אויף דעם שפּיץ שווינגט העפאיסטאָס
זיין שווערן האמער, דאָרט, וואו עס וועט דער גליהענדער
שטראָם אויסברעכען און מיט שארפען צאָהן וועט עס
די שעהנע פעלדער פון סיציליען פערצעהרען *)
דאָס איז דער הייסער גרימצאָרן פון ווילדען טיפאָן
וועלכער ברעכט זיך דורך אלס אונאויסלעשליכער פייער שטראָם
אלס אויסברוך פון שרעקליכען בראנד, אָבגלייך
ער אליין אין שוין פערברענט געוואָרען פון דעם געטער־שטראהל,

*) דער אויסברוך פון דער עטנא 479 אָדער 478 בעפאר קריסטוס.

דאָך דו ביזט דאָך ניט אַזוי דום, וואָס ברויכסט דו
מיין לעהרע, העלף דיר, ווי דו ווייסט ;
איך ווער מיין שיקזאל אַזוי לאַנג טראָגען
ביז עס וועט זיך דער צאָרן פון גאָט אָבקיהלען.

אַ ק ע י א נ אָ ס :

און ווייסט דו ניט, פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס, דאָס דער צאָרן
וועט דורך אַ גוטען וואָרט אמבעסטען געהיילט ?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

ווען מען צור רעכטער צייט די הארץ דערווייכט,
און ניט מיט געוואלט די פלאמען לעשט.

אַ ק ע י א נ אָ ס :

דאָך איין פערזוך פון דיינט וועגען נור צו וואגען
זאָג מיר, וואָס קען עס שאַדען ?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

דאָס די מיה
איז אומזונסט, און הארצליכע גוטסקייט איז נאריש !

אַ ק ע י א נ אָ ס :

לאָז מיר מיט דיזער קראַנקהייט קריינקען, עס נוצט
דעם קלוגען ניט זיך אלס צו־קלוג ארויסצוצייגען.

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

אויף דיזע געוואגטע האנדלונג וואלט פאלען אויף מיין קאָפּ !

אַ ק ע י א נ אָ ס :

אזוי שיקט מיר דיין וואָרט דען ווירקליך אין דער היים ?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

דאָס דו זאָלסט ניט דורך דיין מיטלייד דארפען ליידען...

אַ ק ע י א נ אָ ס :

יא, געוואלטיג שטרענג איז דער נייער הארר אויפ'ן טהראָן !

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

יא, היט זיך דאָס דו זאָלסט איהם ניט ארייבבריינגען אין צאָרן !

אַ ק ע י א נ אָ ס :

דיין לייד, פראָמעטהעאוס, קען מיר זיין אַ לעהרער.

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

געה, געה דען, גיכער, היט דיר דיזען געדאנק !

אָ ק ע י א נ אָ ס :
בערייט בין איך דיין וואָרט צו אכטען ; און באַלד
שווינג איך זיך דורך דעם עטהערס ווייטקייט
מיט מיין געפליגעלטען פערד, וועלכער איז פול מיט לוסט
און פליהט צום היימאַטליכען שטאַל זיך אויסצורוהען.
(אָקעיאנאָס קעהרט זיך אָב צו דער זייט און פערשווינדעט צווישען די פעלזען).
ע ר ש ט ע אָ ק ע י א נ י ד ע :
ווי יאָמערליך דיין שרעקליך גורל, פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס !
אויך איך האָב פארצייטען געזעהן די פיין פון געטטער,
געזעהן דעם גרויסען א ט ל א ס אונטער די ביטערע לאַסט
קרעכצענדיג, און מיט אונגעהייערע קראַפט
דעם הימעלס־געוועלב אויף די שולטערען טראָגען.
דאָס ברויזען פון ים קלאָגט מיט, עס קרעכצט
דער אָבגרונד, די טיעפע שווארצע הויל פון האַדעס
ברומט אויף, אין אַלע הייליגע שטראָם־קוואַלען
וויינען פול מיט מיטליד וועגען זיין שמערץ. — אזוי נעצט
דער שטראָם פון טרעהרען אונזערע געזיכטער;
יא ק אָ ל כ י ס יונגע פרויען אזוי ווילד אין שלאַכט,
דאָס ס ק י ט ה ע ן ־ פ אָ ל ק וועלכע געפינען זיך
ביים ווייטסטען ברעג פון דער וועלט, ביים ים מ א י אָ ט י ס
און אַלעס וואָס געפינט זיך אויפ'ן הייליגען גרונד פון א ז י א.
דאָס בליהענדע מענליכע געשלעכט פון א ר א ב י ע ן
און יענע קריגס־העלדען מיט זייער שפיעזען־קלאַנג,
וועלכע בעוואכען די פעלזען־פעסטונג ביים ק א ו ק א ז אָ ס —
טרויערן, ווייל ז ע א ו ס, וועלכער איבער זייערע אַלטע געטער יעצט
מיט גלאַנץ דעם הערשער־שפיעז טהוט שווינגען,
האָט אזוי שרעקליך מיט זיין אייגען רעכט, דיר אזוי שווער געטראָפען :
און די מענשהייט טראָגט דיין טרויער־שיקזאל מיט, דיר
פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :
נאָך אַ פויזע פון טראַכטענדער אבוועזענהייט.)

גלויבט ניט דאָס איך, אויסוויכליכקייט אָדער עקשנות
בין פערשטומט ; נור איין געדאנק פרעסט מיין הארץ :
ווי אזוי איך זעה מיר יעצט געמאַרטערט :
און ווער דען אַנדערס האָט די נייע געטער
די מאכט געגעבען, אויב ניט איך אליין ?
דאָך דערפון שוויינ איך ; גאַרנישט וואָלט איך אייך
געקאָנט דערצעהלען וואָס איהר ווייסט ניט אליין.
ניין, הערט צו איבער דאָס גרויסע אונגליק פון די שטערבליכע,
ווי איך האָב זיי די אונוויסענדע קלוג געמאכט
און זייער גייסט פון שלאָף האָב אויפגעוועקט
איך האָב ניט די מענשען עטוואָס פאַרצואוואַרפען
נור מיין ליעבשאפט צו זיי וויל איך אייך צייגען,
זיי זיינען בלינדע געווען מיט אָפענע אויגען
און אויב זיי האָבען געהערט האָבען זיי ניט בעגריפען ;
ווי טרוים־בילדער עהנליך פלעגען זיי פריהער
אלעם אונרעגעלמעסיג צוזאמענמישען :
דער שעהנער זוניגער שטיינערנער געבוי,
די קונסט פון בויען איז געווען זיי פרעמד, אין הוילען
פאַרגראָבען האָבען זיי געוואָהנט, ווי ווינציגע
געראשקעס, און האָבען ניט געוואוסט פאַר'ן ווינטער,
פאַר'ן בלומיגען פריהלינג און פאַר'ן פרוכטבארען זומען ווי
מיט אַ פעסטען צייכען די צייט צו בעשטימען. אָהן געדאנקען
איז געווען זייער שאפען, ביז איך האָב זיי עס געוויזען
ווי די שטערען אויף און אונטערגעהען,
און אויך די הויכע וויסענשאפט פון צאָהלען,
דעם געברויך פון שריפט, אך דאָס געדעכטניס
די מוטער פון די מוזען, האָב איך זיי געגעבען.
אויך איינגעשפאַנט אין יאָך פאַר זייער דיענסט האָב איך
די ערשטע חיות, דאָס זייערע לייבער זאָלען טהיילען
זייער שווערע מיה און די פרייע פערד
האָב איך געשפאַנט פאַר זייערע וואָגענס.
יאָ שטאָלצעס בילד פון רייכער פרוכטבארקייט,
און אויך דעם שיפפערס ימים־דורך־פליהענדעס

פון לינען־זענעל געטריעבענעם שיף האָב איך געבויט,
דאָך איך דער וועלכער האָט זאָלכע קונסט פאַר די מענשען
אויסגעפינדען, וויים פאַר מיר אַליין ניט קיין ראטה ווי
זיך אוים דיזען צוואַנג פון ליידען צו בעפרייען.

ע ר ש ט ע   אָ ק ע י אַ נ י ד ע :

צו אַלע דיינע ליידען בלאָנדזשעט דיין   ג י י ס ט   ארום
אָהן ראטה, אזוי ווי דער שלעכטער דאָקטאָר וועלכער
קען ניט געפינען דאָס מיטעל
אום מיט דעם דיר צו היילען.

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

אַ הערט נאָך ווייטער און איהר זאָלט נאָך מעהר
ערשטוינען, וואָס פאַר אַ קונסטען און וועגען איך האָב געפונען! —
ווען איינעם האָט געטראָפען אַ קראַנקהייט,
איז ניט געוועזען קיין מיטעל, קיין רפואה
קיין הייל־געטראנק אָדער זאלב, קיינע הילף איבערהויפט,
צום טויט האָבען זיי פארוועלקט, ביז איך האָב זיי געוויזען
ווי לינדערנע הייל־געטראנקען צו מישען,
פון וואָס די קראנקהייט אנטלויפט — איך האָב זיי געגעבען
די לעהרע און דעם געברויך פון פּראָפעטען־קונסט,
פון טרוים אויסצוטייטען די שטימע פון שיקזאל, די פערשלייערטע צוקונפט.
און די צייכענס פון וועגען האָבען זיי געלערנט פארשטעהן
פון דאָס פליהען פון די פויגעל מיט קרומע קלויען.
האָב איך זיי דייטליך געוויזען וואָס די רעכטע באדייטען
און וואָס די לינקע, און אַלע זייערע מנהגים אין זייער
פריינדשאפט, פיינדשאפט און געזעלשאפטליכקייט;
איך האָב זיי געלערנט צו דערקענען די ווייכקייט און די פאַרב
פון די געדערים, ווי עס די געטער גלייכען,
די וועקסעלנדע געשטאַלט פון גאל און לעבער,
דעם בראַנד פון די פעטע שענקעל־שטיקער
און די ברייטע רוקענס — אַלעס פון דיזער שווערע קונסט
האָב איך די מענשען געוויזען און די געהיימע צייכענס
פון דעם אָפּפער־פלאַם. האָב איך זיי געלערנט,

אזוי האָב איך געווירקט. און דאָס וואָס איז אין דעם שויס
פון דער ערד פערבאָרגען, די אוצרות פון דער מענשהייט,
די מעטאלען — אייזען, גאָלד און זילבער — קען זיך איינער
בארירהמען
דאָס פריהער צו האָבען אויסגעפונען, ווי איך? ניין!
קיינער, וועלכער וויל זיך פראַהלען מיט ליגענס,
קורץ, אַלעס וויל איך זאָגען מיט איין וואָרט:
די קונסט און וויסענשאפט פון די מענשהייט איז פון פּראָמעטהעאוס
געשאפען

ע ר ש ט ע אָ ק ע י א נ י ד ע:

לאָז זיך אָב פון דיין איבער־רייכע ליעבע צו דער מענשהייט!
וועגען דיינע אייגענע ליידען זאָלסט דו טראכטען;
און האָפען וואָלט איך געקאָנט, ווען דו וואָלסט פריי געוועזען פון דיזע
קייטען,
וואָלסט דו געוויס געהאט א מאכט ווי ז ע א ו ס.

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

דאָס האָט די מ אָ י ר א, די וועלכע ליינקט דאָס שיקזאל,
נאָך ניט געוואָלט, ביז דיזע קייטען ווערען צושפּרינגען
ווער איך נאָך ליידען טויזענד פאכע שמערצען — נ ו י ט ו ו ע נ־
ד י ג ק י י ט,
ו ו י מ א כ ט ל אָ ז א י ז ד י ק ל ו ג ה י י ט ג ע ג ע ן ד י ר!

צ ו ו י י ט ע אָ ק ע י א נ י ד ע:

ווער פיהרט דעם שטייער פון דער נויטווענדיגקייט?

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

פון ד י מ אָ י ר ע ן ד ר י י און די ראכע נעהמענדע ע ר י נ י ע ן.

צ ו ו י י ט ע אָ ק י א נ י ד ע:

און ז ע א ו ס איז ניט מעכטיגער פאַר זיי?

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

פון זיין שיקזאל קען ער אויך ניט אנטלויפען.

ע ר ש ט ע אָ ק י א נ י ד ע:

און איז ניט אייביגע הערשאפט זיין בעשטימונג?

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

דאָס טאָרסט דו ניט וויסען; פרעג ניט.

צווייטע אָקיאַנידע:

וואָס גאָר אַ געהיימנים מוז דאָס בלייבען?

פראָמעטהעאוס:

פון וואָס אנדערס רעד! דען פון דעם צו רעדען
איז נאָך ניט די צייט; פארשווייגען מוז איך דאָס
ווי פיעל נור מעגליך, נור ווען דאָס איז פארבאָרגען,
קען איך זיך רעטען פון שמאך און פיין.

ערשטע אָקיאַנידע:

קיינאָמל זאָל מיין געדאנק זיין נעגען די מאכט פון זעאוס
דעם באהערשער פון אַלעם.
און איך וועל ניט פערזאמען ביים אָפּפערן פון היילינען אָקס צו די געטער,
זיך צו נעהנטערן מיט געבעט, דאָרט וואו דער אייביגער קוואל פון פאָטער רינט —
מיר זיינען זיי פרעמד די שווערע לעסטערנדע ווערטער
נור איינס בלייבט מיר און וועט ניט פארשווינדען:
גליקליך איז דער יעניגער, וועלכער אויף דעם וועג פון לעבען, פרעהליך
וואנדערט מיט האָפנונג: פרעהליכקייט דערקוויקט
דאָס הארץ פון דעם האָפּענדען, דאָך ווען איך זעהר דיר
פון טויזענדער פאכען שמערץ געמאַרטערט,
דאן ציטער איך, אָ פּראָמעטהעאוס, ווי דו מיט עקשנות
דעם מעכטיגסטען פון די געטער פעראכטען ווילסט
אום זיך צו פרעהען מיט דיין מענשען-ליעבע.

צווייטע אָקיאַנידע:

די אונגליקליכע ליעבע! — זעהסט דו ניט,
ווי דאָס אין טרוים פּאַרזונקענע געשלעכט
אין אָהנמאַכט, בלינד, געבונדען, קענען דיר
ניט העלפען און דיר קיין רעטונג ברייננען?
דען וואָס נאָטס בעשטימונג איז
קען דער מענשען-ווילען ניט ענדערן
אזוי האָט מיר אויך דיין שיקזאַל געלערנט,
און אנדערס וואָלט איך זינגען, היינט, פּראָמעטהעאוס

ווי דאמאָלסט ווען איך האָב מיט לוסט צו דיין הייראט
צו דיין ב אָ ד און דיין ה אָ כ צ י י ט ־ ב ע ט געזונגען. דאן
ווען דו
האָסט ט ה ע ט י ס טאָכטער, אונזער שוועסטער
העזיאָנע, געוואונען, אלס געטרייע ווייב! —
(יא, אָקסען הערנער אויפ׳ן קאָפּ, צעריסענע קליידער און צומישטע האָר,
לויפט גיך אַרויס אויפ׳ן פאָרדערגרונד.)
יא:
וואָס פאר א לאַנד? וואָס פאַר א פאָלק? ווער איז עס וועמען איך
זעה דאָרט?
— דאָרט צווישען די פעלזען אין קייטען געבונדען?
פאַר וועלכעם פארברעכען קומסט דו אָב?
וואו בין איך א הינגעקומען איך עלענדע, זאָג מיר! — — —
זועה מיר, אָי וועה! פון דאָס ניי דרינגט דער שרעק
מיר שטעכענד דורך די גליעדער! דאָרט, אָי דאָרט!
דאָס שרעקליכע בילד פון אַ ר ג א ס! וועה, העלפט!
דעם טרייבערס טויזענדפאַכיגע אויג — איך ציטער —
בליקט אויף מיר מיט קלוגען פאַרשענדען בליק;
אָך, טויטערהייט נעהמט איהם ניט אויף די ערד!
אויף מיר, אויף מיר, אינזעליגע, פון דעם אָבגרונד
אַרויפגעשטיגען, יאָגט ער זיך נאָך
און טרייבט מיר, אלס פערהונגערטע ווייט און ווייטער
אויף ווייטען ברעג פון׳ם ים! — און זינגט ניט מיט די טענער
פון דאָס פייפעל, דאָס שלאָף־ליעדעל שוין דערצו? — אָי יועה!
וואו פיהרט מיר דער ווייט דורכגעבלאָנדזשעטער וועג אהין?
פאר וואָס פאר א פארברעכען, ק ר אָ נ י ד פאר וואס פאר א
פארברעכען,
וואָס דו באשטראָפסט מיט זאָלכע א יאָך פון מאטערנישען,
וואָס האָסט דו געפונען אָן מיר, די אונגליקליכע,
וואָס האָסט די געפונען אָן מיר, וועלכע דו צום וואהנזין
מיט דיין פייניגונג טרייבסט! דעם בליץ!
אויף מיין שייטעל! אין דעם שוים פון דער ערד,
טיעף אין דעם אָבגרונד פון די וואסערן פארזינק מיך!

אַ הער, מיין האר, דערהער מיין געבעט.
לאָז שוין געניג זיין מיט מיין פארבלאָנדזשעטער וואנדערונג,
אויב ניט, דאן געפין איך קיין אויסוועג פון מיין ליידען! —

ערשטע אָקיאַנידע:

דערקענסט דו די שטימע פון די געהאָרנטע פרוי?

פּראָמעטהעאוס:

יא, איך דערקען די שטימע פון די אונגליקליכע,
די טאָכטער א י נ א כ אָ ס, וועלכע האָט ז ע א ו ס געמיטה
אנגעצונדען מיט ליעבע, און וועלכער ה ע ר א ס צאָרן
טרייבט מיט געוואלט, בלאָנדזשענדיג אָהן רוה איבער דער וועלט
צו וואנדערן.

יא:

ווי האָסט דו דערוואוסט דעם פאָטערס נאָמען?
אַ זאָג עס מיר, די עלענדע, דו אליין אזוי עלענד!
און ווער ביסט דו אליין, דער דו מיר שמערצענס־רייכע
אזוי ריכטיג האָסט דערקענט? יא, יא, דו האָסט עס אָנגערופען
ריכטיג דעם שרעקען פון מיין קראנקהייט, מיט דעם ברענענדיגען
שטאָך פון וואהנזין האָט מיר די געטין געטראָפען
אין שטורימדיגען לויפען, פון שרעקליכער פאָרכט געיאָגט
פון הערא׳ס גרויזאמען גרים־צאָרען בין איך געקומען אהער.
אך עלענד, אונאויסשפּרעכליך עלענד זיינען אלע,
וועמען עס טרעפט זאָלך אַ ליידענדער שיקזאל ווי מיך!
דאָך דו, אָ לאָז עס מיר וויסען, זאָג מיר וואָס איך האָב נאָך
צו ליידען, צייג מיר די הילף,
אַ מיטעל פאר מיין קראנקהייט, ווען דו קענסט!

צווייטע אָקיאַנידע:

ווען דו עס קענסט, זאָג דאָס דער אָרימער מויד!

פּראָמעטהעאוס:

איך וויל אלץ וואָס דו פערלאנגסט דיר זאָגען,
קלאָהר אָהנע רעטעניש, מיט איינפאכע ווערטער,
ווי צווישען גוטע פריינד גערעדט;
איך בין עס, ד ע ר פ י י ע ר ־ ש פּ ע נ ד ע ר, בין פּ ר אָ מ ע ט־
ה ע א ו ס,

יא:

אַ דו בעשיצער פון דער גאנצער מענשהייט! אונגליקליכער

פּראַמעטהעאוס, פון וואנעט איז דיר געקומען זאַלבע פיין?

פּראַמעטהעאוס:

קוים האָב איך אויפגעהערט צו קלאָגען איבער מיין אונגליק.

יא:

און מיין ביטע — זאָגסט דו מיר זי אָב?

פּראַמעטהעאוס:

זאָג, וואָס פערלאַנגסט דו? אַלץ זאָלסט דו הערען.

יא:

זאָג ווער האָט דיר אָנגעשמיעדט אין דיזער פעלזען־שלוכט?

פּראַמעטהעאוס:

זעאוס האָט עס גוואָלט, העפּאיסטאָס האָט עס אויס־געפיהרט.

יא:

אום וואָס פאַר אַ פאַרברעכען ליידסט דו דאָס אַלעס?

פּראַמעטהעאוס:

ניין — איך קען עס ניט — לאָז רוהען דיזע פראגע! —

יא:

אַ דאַן זאָג מיר ווענינגסטען, מיר די עלענדע

דעם ציעל פון מיין ארומבלאָנדזשען, און די צייט?

פּראַמעטהעאוס:

בעסער דו זאָלסט עס ניט וויסען איידער צו וויסען,

יא:

פאַר וואָס זאָל עס זיין פאַרבאָרגען, דאָס וואָס איך לייד?

פּראַמעטהעאוס:

איך בין דיר ניט מקנא, דיעזע נייעס!

יא:

וואָס האַלסט זיך אזוי צוריק מיר אַלץ אָנצוזאָגען.

פּראַמעטהעאוס:

גערן, גערן; נור איך וואָלט דיר ניט וועלען איבערשרעקען.
דאָס טהוט מיר זעהר לייד.

יא:

זאָרג זיך ניט וועגען מיר מעהר? ווי מיר אַליין ליעב איז!

פ ר אַ מ ע ט ה ע א ו ס :

נו אז דו ווילסט, דאַן מוז איך עס, אַלזאָ הער : — —

צ ו ו י י ט ע אָ ק י א נ י ד ע :

נאָך ניט ! הער אונזער פערלאַנג !
זאָל זי אונז ערשט איהר אייגענעם אונגליק דערצעהלען,
און האָט זי איהר פערגאַנגענהייט אונז דערצעהלט
דאַן זאָל זי ערשט איהר צוקונפט פון דיר הערען —

פ ר אַ מ ע ה ע א ו ס : (צו יאָ)

אַ, דאָס איז דיין זאַך, מיין קינד, טהו זיי
דעם פערלאַנג ! זיי זיינען דאָך דיין פאָטערס שוועסטערן.
אויך לוינט עס זיך די מיה, דאָרט, וואו אוים מיטלייד
טרעהרען פליסען, די ביטערע
שמערצען איינמאָל זיך פון הארצען אויסצוואוויינען.

י א :

יא פאר אייך קען איך ניט אנדערס, איך וויל אייך טהאָן אייער פערלאַנג,

הערט זיך איין קלאָהר, וועגען וואָס איהר פרעגט, הערט
דעם גאנצען שיקזאל, שמאָך קען מען עס אָנרופען,
דער געטליכער שטורם, וועלכער האָט מיר געפּאקט
און, מיר אזוי פערוואנדעלט. און האָט מיר אוועקגעשליידערט צו זאָלכע

ביטערע שמערצען — ווי איך האָב דאָס ביז יעצט דערליטען. —
— פ א נ ט א ז י ע - ב י ל ד ע ר מיט שמייכעלדיגע געדאנקען
זיינען יעדע נאכט אריינגעטראָטען אין מיין שלאָפצימער
און האָבען צו מיר געזאָגט „דו גליקליכע מויד,
פארוואָס אזוי לאנג נאָך א בתולה, ווארט דאָך אויף דיר
די טהייערע חתונה, דען ז ע א ו ס
האָט זיין פייל פון פערלאַנגען אויף דיר געטראָפען,
מיט דיר אין ליעבע וואָלט ער זיך פאראייניגען,
דו אָבער קינד, זאָג זיך ניט אָב צו שלאָפען
אין זיין אָרים ; אין ל ע ר נ א ס טהאָל,
וואו עס פיטערן זיך די לעמער פון דיין פאָטער
געה ארוים און גיב זיך איבער דעם פערלאַנגען פון זיין געטער־בליק !

זאָלבע טרוימען האָבען מיר יעדע נאכט
געטרוימט, ביז איך האָב עס געוואגט,
וואָס מיר האָט געשעהן עס מיין פאָטער צו דערצעהלען
ער האָט געשיקט זאָפאָרט נאָך פ י ט ה אָ און ד אָ נ אָ נ א
זעהר פיעל שלוחים, אום צו ערפאהרען ווי ער
זאָל די גענאָד פון די געטער ערהאלטען מיט ווערטער און טהאטען ?
דאָך צומישטע נאכריכט מיט א טונקעלן שלייער פארשטעלט
פון אלע טעמפלען האָבען זיי צוריק געבראכט,
ביז ענדליך האָט, א י נ אָ כ אָ ס געקראָגען אַן ענטפער
צו דייטליך ארויסגעזאָגט און אויך א באפעהל.
מיך פון מיין היים און מיין פאטערלאנד צו פארשטויסען.
אוועק ביז די ווייטעסטע גרענעצען פון דער וועלט צו אנטלויפען.
אויב ניט וועט ז ע א ו ס ערגיכטענדער שאָס ארונטערפאלען
מיט פלאמענדער קראפט אויף איהם און זיינע קינדער —
קלאָגענדיג און וויינענדיג האָט ער זיך געמוזט אונטערווארפען דאָס
וואָרט.
קלאגענדיג האָב איך געמוזט אנטלויפען פון מיין פאָטער'ס שוועל ;
אזוי האָט איהם דער געטליכער ווילען געהאלטען הארט אין צוים.
און באלד האָט זיך פארוואנדעלט מיין שייטעל
אין דיעזען געהאָרנטען קאָפּ — און אזוי מיין גייסט ;
דען פון דעם שטאָך, פון'ם וואהנזין געטריבען
שטורם איך מיט בלאָנדזשעדיגען לויפען צו ל ע ר נ א ס פעלדער,
דאָרט, וואו ק ע ר כ נ י י א ' ס שעהנע וואסערען רוישען — —
אָבער א היטער יאָגט מיר נאָך מיט הארטען געדאנק,
א ר ג אָ ס, דער הונדערט-אייגיגער זוהן פון דער ערד,
אויף אלע וועגען יאָגט ער מיר נאָך — דאָך איהם האָט, אונער-
ווארטעט
זיין שיקזאל, פלעצליך פון'ם לעבען אָבגעריסען —
מיר אָבער טרייבט די שווערע פלאָג פון דער געטין
וואהנזיניג, בלאָנדזשענדיג פון לאנד צו לאנד.
דו הערסט מיינע ליידען ; ווייסט דו דעם רעסט פון דעם
דאן זאָג מיר, דאָך ניט אוים מיטלייד זאָלסט דו מיר שמייכלען

מיט פארשלייערטעווערטער; ד ע ן ל י ג ע ן ז אָ ג ע ן ר ו ף
א י ך
ד אָ ס א ל ע ר ש ע נ ד ל י כ ס ט ע מ ע נ ש ל י כ ע
פ ע ה ל ע ר! —

צ ו ו י י ט ע אָ ק י א נ י ד ע:

אָי וועה, וועה נענוג שוין! אך קיינמאָל, קיינמאָל
האָב איך געהאָפט צו הערען אזא מין ווילדע געשיכטע!
אזוי שרעקליך צו זעהן! אזוי אונערטרעגליך!
שרעק, שמערץ און אבשיי דרינגט, ווי איין קאלטעס
צווייישניידיגעס שווערד מיר דורך די ברוסט! וועה מיר,
אָ שיקזאל! שיקזאל! טיעף ערשווירדערט בליק איך
אויף יאָ׳ס וויטען ליידענס־וועג צוריק!

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

צו פריה שוין קלאָגסט דו, דו עלענדע!
ווארט נאָך ביז דו וועסט נאָך דאָס איבעריגע הערען!

ע ר ש ט ע אָ ק י א נ י ד ע:

אָי רעד, און דערקלעהר עס! ליעב איז דאך דעם קראנקען,
זיין צוקינפטיגעס ליידען אין גאנצען פאָראויסצוזעהן.

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

די ערשטע ביטע וואלט זיך געלאָזט לייכט ערפילען;
דען פון איהר אייגענעם מויל האָט איהר געהערט
ווי איהר האָט פערלאנגט, די ליידען פון דיזער יונג־פרוי,
דאָן הערט נאָך וויטער וואס פאר א ליידען נאָך
האָט ה ע ר אָ ׳ ס גרימצאָרן אויף איהר אָרויפגעלייגט.
דו אָבער, קינדער פון א י נ א כ א ס, גיב אכט
און לאָז דיר דעם ציעל פון דיין בלאָנדזשענען אָנזאָגען! —
צוערשט פון דאנעט, נעגען מזרח געווענדעט,
וועסט דו די־רכוואנדערן פוסטע, אונבאבויטע לענדער,
ביז דו וועסט קומען צום וואנדערנדען פ אָ ל ק פ ו ן ד י
ס ק י ט ה ע ן,
וועלכע פארטהיידיגען זיך מיט א געפלאָכטענע וואָגען־פעסטונג
און מיט די פון זייערע בויגענס וויט טרעפענדע פיילען —
געה ניט נאָהענט צו זיין און וואנדער ביים ברעג

וואו עס ברעכען זיך דיר כוואליעס אויף די פעלזען־וועגד
צום לינקען אָבער מייד אוים די כ א ל י ב ע ר,
די א י י ז ע ן ־ ש מ י ע ד ע ן א רויבער־פאָלק,
וועלכע קענען ניט דאָס מילדע ג אַ ס ט ־ ר ע כ ט.
דאַן קומסט דו צום ש ט ר אָ ם פ ון ע ק ש נ ו ת, ריכטיג אָנ־
גערופען ;
געה ניט אריבער, עס איז אונגעהייער שווער,
דו מוזט בעפאָר איבער די העכסטע בערג
פון ק ו י ק א ז אָ ס שטייגען, פון וועלכעס דער מעכטיגער שטראָם
שטראָמט ארוים מיט שטארקען געוויש, ארויפשטייגען מוזט דו
די ביז די שטערן גרייכענדע בערג, ארונטער דעם וועג
געגען צפון זוכען, דאָרט וועסט דו די מענער־האסענדע
אמאזאָנען טרעפען.
די וועלכע ווערען אמאָל זיך אין ט ה ע מ י ס ק ו ר א באזעצען
ביים ט ה ע ר מ אָ ד מ אָ ד אָ ן, וואו ס א ל מ י ד ע ס ס אָ ס
קליפען וועלכע זיינען
שטיעף־מוטערליך געגען די שיפען, און פיינדע פון שיפער, —
זיי ווערען דיר גערן ווייזען דעם וועג, וואָס פיהרט דיר
נאָהענט ביים שמאָלען י ם ־ ט ו י ע ר צו דער ק ו מ ע ר ש ע ן
ע נ ג ש א פ ט, און דאָרט מוזט דו מוטהיג
דורכשווימען דעם מ א י אָ ט י ס ־ ז ו נ ד,
ווייט וועט די לעגענדע געהן פון דיין רייזע
און דעם זונד וועט מען דערפאר „ב אָ ס פ אָ ר ו ס“ רופען
און ענדליך האָסט דו פון איירָאָפּא דאָס פעסטע לאנד א ז י ע נ ס
דערגרייכט —
ווי נון ? איז ער ניט א טיראן דיזער ג ע ט ע ר ־ ק ע נ י ג ?
אין אלעמען גלייך ? דיזע מענשליכע פרוי צו קושען.
דאָס איז געוועזן זיין געטער־ווילען ! נו פארשטויסט ער איהר
אין זאָלכע פארוואָגעלטע וועגען ארומצובלאָנדזשענען ! אָי יונג־פרוי
א בייזער חתן איז דיר באשערט געוועזן צו דיין חתונה !
י אָ :
אָי וועה מיר, וועה !

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

דו קלאָגסט און יאָמערסט ווידער?
וואָס וועסט דו טהאָן ווען דו וועסט ערפאַהרען דעם רעסט?

ע ר ש ט ע אָ ק י א נ י ד ע :

נאָך מעהר וואונדערונגען האָסט דו איהר צו זאָגען?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

א שטורימדיג באוועגטער ים פון שרעקליכער נויטה!

י א :

וואָס זאָל איך דען נאָך לעבען? פאַרוואָס ווארף איך זיך
ניט גלייך אַרונטער פון פעלזען?
דאָס איך אין אָבגרונד צושמעטערטערט, וועל פון אלע צרות
פטור ווערען? דען בעסער איינמאָל שטאַרבען,
איידער טאָג און נאַכט צו ליידען זאָלכע פיין!?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

דאַן שווער וואָלסט דו דערטראָגען מיינע ליידען,
מיר, וועמען איז בעשטימט קיינמאָל ניט צו שטאַרבען,
בעפרייט וואָלט מיר דער טויט פון מיינע קייטען,
דאָך מיר ווינקט ניט קיין ענד,
ביז דער טיראַן וועט ניט אַרונטערגעשליידערט ווערען פון זיין
טראָהן.

י א :

ווי דען? אזוי קען אויך ז ע א ו ס זיין מאַכט פארלירען?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

מיט פרייד, דענק איך, וואָלסט דו זעהן זיין פאַל.

י א :

פאַר וואָס ניט, פאַרוואָס האָט ער מיר דאָס אזוי בעהאַנדעלט?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

אזוי מעגסט דו וויסען דאָס איך האָב געזאָגט די וואַהרהייט.

י א :

ווער וועט איהם דאַן זיין סצעפטער רויבען?

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

דורך דעם נארישען ראַטה פון זיין אייגענער הארץ.

י אָ:

דאָך ווי? אַ זאָג דאָס מיר, ווען עס ברייננגט דיר ניט קיין שאָדען!

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

חתונה! חתונה וועט זיין דער גרונד פון זיין טרויער.

י א:

מיט אַ געטין? אָדער אַ מענשען־פרוי?

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

וואָס פרעגסט דו דאָס? ענטדעקען טאָר איך עס דיר ניט.

י א:

און דורך זיין אייגען ווייב וועט ער ארונטערגעוואָרפען ווערען?

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

אַ קינד וועט זי געבאָרען, מעכטיגער ווי ער.

י א:

און קיין רעטונג איז ניט דאָ פאר דיזען פאַל?

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

נור ווען ער וועט צורייסען מיינע קייטען.

י א:

דאָך ווען ז ע א ו ס עס ניט וויל, ווער וועט דיר בעפרייען?

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

איינער פון דיינע שפּראָצונגען איז דערצו באשטימט *)

י א:

וואָס זאָגסט דו? איך וועל דיר געבאָרען דעם רעטער?

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

דער דריטער שפּראָץ נאָך צעהן אנדערע...

י א:

ניט אזוי לייכט קען איך באגרייפען דאָס וואָס דו זאָגסט יעצט.

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס:

דאַן פרעג ניט מעהר וועגען דיין שיקזאַל.

י א:

האָסטו עס מיר ניט פערשפּראָכען? און ווילסט דו עס מיר ניט זאָגען?

---

*) הערַאקלעס.

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :
פון צוויי בעריכטען גיב איך דיר נאָר איינעם.
י א :
זאָג מירביידעס און לאָז עס מיר דאן וויהלען.
פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :
גוט וויהל זיך; זאָל איך דיר דעם ענד פון ד י י נ ע ל י י ד ע ן
אָדער ווער עס וועט זיין מ י י ן ב ע פ ר י י ע ר, בעריכטען?
ע ר ש ט ע אָ ק י א נ י ד ע :
איינם מעגסט דו איהר, דאָס אנדערע מיר בעריכטען;
אָ זאָג מיר ניט אָב מיין פערלאנג:
בעריכט איהר דעם וויטען וועג פון איהר בלאָנדזשעדיגע וואנדערונג
און מיר ד י י ן ר ע ט ע ר : איך זעהן זיך דאָס צו וויסען.
פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :
ווייל איהר פערלאנגט, וועל איך ניט זיין דאגעגען
און וויל איך ניט, וואָס איהר האָט געפרעגט, פערשווייגען.
ערסט, י אָ, ווער איך דיר ערקלעהרען דיין בלאָנדזשענדע
וואנדערונג.
קריץ דאָס אין דעם טאָוועל פון דיין הארצען אריין! —
ווען דו וועסט דעם לענדערצושיידענדען שטראָם דורכשווימען,
דאָרט צום אויפגאנג פון די גליהענד זונען־באהן.
דאן זאָלסט דו דורך דעם שווימענדען ים ביז קיסטהענע שטורמען,
וואו יענע אוראלטע שוואנען־יונג פרויען וואָהנען,
די א י י ן ־ א י י ג י ג ע פ אָ ר ק י א ד ע ן, דריי אין צאָהל,
וועלכע פון די פרעהליכע זונען־שטראהלען קיינמאָל ניט בעלויכטעט
ווערען
אויך ניט פון דעם מילדען שיין פון דער לבנה.
און נאָהענט צו זיי געפינען זיך די דריי געפליגעלטע שוועסטערן,
די ש ל א נ ג ע ן ־ ה אָ ר י ג ע ג ר ו י ז א מ ע ג אָ ר ג אָ נ ע ן,
פון וועמענס בליק עס שטעהט שטיל דער מענשליכער אָטהעם.
געוואָרנט דורך מיינע ווערטער האָב איך דיך!
דאָך וועגען אַן אנדער שוידערליכען אָנבליק
ווער איך דיר נאָך זאָגען און זוך עס אויסצומיידען: דאָס זיינען
ז ע א ו ס

שטומע הינד, די שאַרף־צייניגע גרייפען און דאָס פאָלק

די איין־אייגיגע, קריגנזוכטיגע ארמאספען,
וועלכע וואויהנען ארום דעם גאָלדענעם שטראָם פון פלוטאן.
בלייב ווייט פון זיי; דאן קומסט דו צום ווייטען לאנד
פון דאָס שווארצע פאָלק ביים קוואל פון העליאָס,
צו די וואסערען פון עטהיאָפען; ביי איהרע ברעגעס
ציה ווייטער ביז צום וואסערפאל וואו הויך
פון ,ביבלאָס בערג זיין הייליגען שטראָם
דער זעגענס־רייכער ניל ארויסשטראָמט; ער וועט
דיך אין ניילאָטים דריי געשפיצטעם לאנד
ארונטערפיהרען, וואו עס איז דיר בעשטימט
זיך מיט דיין געזונד זיך צו באזעצען. —
פעהלט דיר נאָך דאָ און דאָרט א דייטליכעס וואָרט,
וועל איך דיר עס זאָגען, און דו וועסט עס אין גאנצען באגרייפען.
איך האָב דאָך גענוג צייט דערצו!

ערשטע אָקיאנידע:

האָסט דו איהר מעהר נאָך אָדער וואָס דו האָסט נאָך אויסגעלאָזען
פון איהר וואנדערונג, צו בעריכטען.
דאן זאָג עס; דאָך, ווען דו וועסט אלץ האָבען געזאָגט, דענק
אָן אונזער ביטע, ווי דו ווייסט.

פראָמעטהעאוס:

די גאנצע וואנדערונג האָט זי נון געהערט,
דאָך, אום דאָס זי זאָל זיך ניט האלטען פאר אָבגענארט, וועל איך
אויך וואָס זי האָט פריהער געליטען, בעריכטען,
אום צו פערזיכערען דעם אמת פון מיינע רייד,
וואָס אונוצליך איז לאָז איך אוועק און ווענד מיך
גלייך צום ציעל פון דיעזע בלאָנדזשענדע וואנדערונגען. —
ווען דו ביזט געקומען אויפ׳ן פלאך פון מאָלאָסא,
און וואו אויף דאָדאָנא׳ס הויכקייט, אומגעבען פון רוישענדען אייכען־וואלד
דאָס הייליגע אָראקעל פון דעם גאָט,

דיך אלס זעאוס ווייב — שמייכעלט דיר דאָס וואָרט? —
מיט קיין פאַלשען פאַרשלייערטען וואָרט, האָט באַגריסט,
דאָן ביסט דו אַנטלאָפען, אין דיין וואהנזין, לייגנסט דעם ברעג
ביז די ווייטע ב ו כ ט פ ו ן ר ה ע א און פון דאָרט
דורך שטורם און וועטער בלאָנדזשעסט דו צו אונז;
דאָך וויסען זאָלסטו דו, דאָס צום אנדענקען פון דיין וואַנדערונג
די י אָ ' נ ש ע ב ו כ ט זי זאָל גערופען ווערען.
דיר אָבער זאָל דאָס זיין א צייכען פון מיין קונסט,
ווי מעהר איך זעה, ווי אנדערע —
און יעצט צוריק געקומען צום ערשטען וועג
זאָג איךביידען צוזאמען דעם רעסט
דאָרט וואו ק אַ נ אָ ב אַ ס שטאָדט ביים ברעג פון לאַנד
נאָהענט ביי דער מינדונג פון דעם נ י ט, ד אָ ר ט
שענקט דיר זעאוס די קלאָהרקייט פון דיי־
נע געדאנקען
ווידער צוריק, נור מיט לייכטער האנד דיין קאָפּ
אָנריהרענדיג.
און וועט מיט דיר געבאָרען דעם שווארצען ען פ א פ אָ ס,
אזוי אָנגערופען נאָך די זאנפטע טהאט פון דעם גאָט;
און דער אלס פירסט, וועט געניסען די פרוכט
וועלכע ווערען רייף פון דעם ברייטען שטראָם פון ניל.
דאָס פינפטע, פופציג־שפּראָציגע געשלעכט
קעהרט זיך ווידער ווילען ערסט אהיים צו א ר ג אָ ס,
א מאַסע מיידלאך, וועלכע אנטלויפען פון א בלוט־שענדליכע
חתונה מיט זייערע שוועסטער קינדער, דאָך אין זייער ליידענשאפט
יאָגען זיי זיך נאָך די מיידלאך ווי ווילדע טויבען.
און נעהמען דאָס, וואָס זיי געהערט ניט און פייערן
פון גאָט מקנא א פאַרדאָרבענעם יום־טוב.
דען ביי נאכט האָט יעדע פרוי מיט מוטה
יעטוועדען מאַן אריינגעשטאָכען דעם צווייַשניידיגען שווערד
אין לייב, דאָס קאַלטע אייזען געטונקט אין זייער ווארים בלוט,
אזוי האָט פ ע ל אָ ס ג י א אויסגעבעט איהר אויסגעלייגטע שטאָדט
וואָלט ק י פ ר י ס אזוי טרעפען מיינע שונאים! —

דאָך איינע פון די מיידלאַך וועט פון ליעבע געריהרט ווערען,
איהר געפיהל איז וויך, זי רויבט ניט די נשמה פון איהר מאַן,
זי וועהלט פוןביידעס ליעבער זיך: ש ו ו א ך
אַנגערופען צו ווערען, א י י ד ע ר מ י ט ב ל ו ט ב א פ ל ע ק ט
צ ו ז י י ן ;
און זי געבאַרט דעם ק ע נ י ג ס ־ ש ט א ם פ ו ן אַ ר ג אַ ס.
וואָס זאָל איך איך נאָך פיעל וועגען איהם זאָגען?
פון דיזען זאמען וועט אויפבליהען אַ שטאַרקער העלד
דער פירסט פון בויגען, וועלכער מיר
פון מיין ליידען וועט דערלייזען: אזוי האָט מיר די מוטער
די טיטאנין טהעמים מיט איהר געטליכען פראָפעטהען בליק
פאָראויסגעזאָגט — דאָך פיעל צייט וואָלט עס נעהמען צו ערקלעהרען
ווי אזוי און וואו — וואָס אויך נוצט עס דיר? — —
י א :
וועה מיר! — דער בראנד — די גיפטיגע פּלאָג פון וואהנזין!
דער פייערדיגער — דער שטאָך — בוערט זיך אין מיין געהירען!—
אַ — ווי מיין הארץ שלאָגט נאָהענט ביי זיין געצעלט! —
ווי פארטומלענדיג דער בליק מיר דרעהט אין קרייזען! —
אוועק פון וועג שליידערט מיר דער שטורם! —
מיין צונג איז אָהנמעכטיג! אומזיסט קעמפפען
די צומישטע ווערטער אהין און אָהער געוואָרפען
אין דעם וויסטען קאָכעדיגען דראנג פון ווילדען שרעק
(זי אַנטלויפט אין איהר וואַהנזין).
צ ו ו י י ט ע אָ ק ע י א נ י ד ע :
קיינמאָל, אָ קיינמאָל, לאָזט מיר, איהר מעכטע פון שיקזאָל,
אַלס ווייב אין די אָרימס פון זעאוס זינקען, קיינמאָל
לאָזט מיר ניט ווערען די כלה פון אַ גאָט!
דען שוידערנדיג זעה איך י אָ, דיזע יונגע פרוי
אנטלויפענדיג פון דעם געטליכען חתן און שווער פון ה ע ר א ס
אייפערזיכטיגען גרימאָצרן געטראָפען און געיאָגט
ע ר ש ט ע אָ ק י א נ י ד ע :
יא, קלוג, קלוג איז געווען דער, וועלכער האָט עס צו ערשט בעגריפען
און אין די ווערטער האָט איינגעפאסט: „ד אָ ס ג ל י י כ ע

פ ע ר ב י נ ד ו נ ג פ י ה ר ט צ ו ם ג ל י ק !

דערפאר זאָל דער גרינגער ניט טראַכטען זיך צו פעראייניגען
מיט דעם פ ר אָ ה ל ע ר פ ו ן ר י י כ ט ה י מ ע ר און מיט דעם
ש ט אָ ל צ ע ן פ ו ן א ד ע ל י ג ע ן ג ע ש ל ע כ ט.
און אונז פאסט אויך נור דער גלייכער בונד,
אונז שרעקט די זעהר הויכע ליעבע פון דעם הימעל ;
דען פון דעם געטער־בליק איז ניט מעגליך צו אנטלויפען,
און אין קאמפף וואָלט איך וועגען ראטה און הילפע ניט געוואוסט.
וואָס וואָלט געוואָרען פון מיר ? ווען ז ע א ו ס בעשלוס
באשטעהט ?
און קיין אנטלויפען רעטעט מיר פון זיינע אָרימס.

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

און דאָך שטאָלצער ז ע א ו ס, וועסטו דו ניט באשטעהן !
א שידוך וועסט דו טהאָן,
וואָס וועט דיר דעם סצעפטער פון דיין מאכט צו ברעכען ! —
דאַן וועט ערפילט ווערען די קללה פון פאָטער ק א ר א נ א ס
ווענען ער האָט ארונטערגעוואָרפען פון אַלטען שטוהל.
און קיינער פון די געטער קען דיר ניט ווייזען דעם וועג
פון רעטונג, ווי איך נור אליין !
איך קען עס ; איך ווייס דעם וועג ! זאָל ער נור רעגירען
און מיט זיין דונער דורך די לופט זיך פראָהלענדיג
און שאָקלען זיך פרעך מיט זיין געשאָס,
נישט קען איהם פארהיטען פון זיין שווערען פאַל,
מיט שאַנדע זינקט ער אונרעטבאר ארונטער,
א ו ן ג ע ג ע ן א י י ן ג ע ג נ ע ר ו ו ע ט ע ר ז י ך
ב א ו ו א פ ע נ ע ן
א ה ע כ ע ר ע ס ו ו א ו נ ד ע ר פ ו ן א ו נ ב ע ז י ג ט ע ר
ק ר א פ ט,
ו ו ע ל כ ע ר ו ו ע ט ש ל י י ד ע ר ן א פ ו נ ק ע ן מ ע כ־
ט י ג ע ר ו ו י ד ע ר ב ל י צ ש ט ר א ה ל
מ י ט ג ע ר ו י ש, ו ו א ס ו ו ע ט ד ע ם ד ו נ ע ר ב ע־
ט ו י ב ע ן,

יא וועלכער וועט פאזיידאנס ערד־ציטערנ
דיגען דריי־צאק

אין ים פערניכטען,
און זיין אונגליק וועט ער ערשט דערקענען
דעם אונטערשיעד פון הערשען און דינען.

ערשטע אקיאנידע:

מיט דיין פערלאנגען, ווי עס שיינט, שרעקסט דו זעאום!

פראמעטהעאום:

נור, וואס וועט ווירקליך געשעהן. אין אמת׳ן ווינש איך דאס אויך.

צווייטע אקיאנידע:

און גלויבען זאל איך אן דעם פאל פון דעם גאט?

פראמעטהעאום:

שרעקליכערע ליידען ווי דאס איז איהם באשטימט.

ערשטע אקיאנידע:

און זאלכע לעסטערונג, עס שרעקט דיר גאר ניט?

פראמעטהעאום:

וואס זאל איך מיך שרעקען? דער טויט איז מיר ניט בעשטימט.

צווייטע אקעיאנידע:

דאך ער קען דיר נאך שווערערע ליידען פערשאפען!

פראמעטהעאום:

מעג ער! אויף אלעס טרעפט ער מיר געפאסט.

ערשטע אקעיאנידע:

·עס בויגט זיך דער קלוגער אונטער דער נעמעזיס.

פראמעטהעאום:

בעט! קריעך אהין צום הויכען האר!
איך אכט איהם דאך פיעל וועניגער ווי גארנישט
געוועלטיג נור דיזע קורצע צייט,
ווי דיר איז געפעליג, דו וועסט ניט לאנג הערשען! —
דאך זעה איך דארטען ניט זיין שליח זיך נעהענטערן,
דעם נייען קעניגס מונטערען קנעכט? ווי עס שיינט
וויל ער מיר פרישע נייעס בעריכטען —

(הערמעס קומט, מיט געפליעגעלטען פוס, מיט דעם העראלד שטעקען פון דער הויך ארונטער און בלייבט ניט וויט פון פראמעטהעאום אויף א העכערען פעלזען פאר איהם און די אקעיאנידען שטעהן)

ה ע ר מ ע ס :

צו דיר דעם קלוגען, דער וועלכער פערשטעהט אזוי צו לעסטערן,
דו פ ע ר ב ר ע כ ע ר צ ו ד י ג ע ט ע ר, וועלכער איז צוליעב די
מענשהייט געוואָרען אַ רויבער, צו דיר רעד איך.
דער פאָטער פערלאַנגט פון דיר דו זאָלסט איהם בעריכטען
דורך וועלכען שידוך, ווי דו טהוסט זיך פראַהלען וועט פון איהם
זיין מאַכט געריובט ווערען, אָהנע רעטהעניש זאָלסט דו עס זאָגען.
מאַך מיר ניט טאָפּעלטע מיה;
דו זעהסט דאָך אליין, פ ר מ ע ט ה ע א ו ס דאָס דער גאָט
איז ניט זעהר זאַנפט, און וואָס דו קענסט נאָך ערוואַרטען. —

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

ווי גרויסאַרטיג מיט שטאָלצען זין!
דאָס איז דעם ג ע ט ע ר - ה ע ר אָ ל ד ' ס ריכטיגע שפּראַך.
ניי הערשט איהר מיט דער נייער מאַכט און דיינקט זיך
אין אַ אונבעצווינגבאַרע פעסטע בורג פון אייביגער לוסט? האָב
איך שוין ניט

צוויי טיראַנען געזעהן פון דאָרט געשליידערט?
און דיזען דריטען דיזען היינטיגען זעה איך אויך
אויף שענדליכסטען און גיכסטען אַרט. מיינסט דו אפשר
איך ציטער און שרעק זיך פאַר די נייע געטער?
גאַר ווייט בין איך דערפון!
געה נור דעם וועג פון וואַנעט דו קומסט צוריק;
דען גאַרנישט וועסטו דו קריגען צו וויסען, וואָס דו וואָלסט אזוי גערן
ערפאהרען.

ה ע ר מ ע ס :

דיין עקשנות איז עס נור געווען וואָס האָט דיר
אין דיזען יאָמערליכען פּאָרט אַריינגעשטייערט!

פ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

פ אַ ר ד י י ן ש ק ל אַ פ י ש ע ן ד י ע נ ס ט וו אָ ל ט א י ך
מ י י ן ל י י ד ע ן —
י אַ ה ע ר ע ס נ ו ר ד י י ט ל י ך — נ י ט א ו י ס-
ב י י ט ע ן, ק י י נ מ אָ ל נ י ט!

דען בעסער איז עס פערשקלאפּט צו זיין
צום שטיין
איידער צו זיין אַ טרייער קנעכט ביים
פּאַטער זעאוס —

הערמעס:
שיינט עס דאָך אַז דיין לאַגע געפעלט דיר זעהר.

פּראָמעטהעאוס:
געפעלט? אַ יא! ווען איך נור אַלע מיינע פיינד
אַזוי זאָל זעהן און דיר דערצו!

הערמעס:
מאכסט דו מיר אויך שולדיג אין דיינע ליידען?

פּראָמעטהעאוס:
אין אמת'ן געזאָגט: אַלע געטער האָס איך
די מיר פאר גוטעס, שענדליכעס און שלעכטעס האָבען געטהאָן.

הערמעס:
אין קיין קליינעם וואהנזין, זעה איך דיר.

פּראָמעטהעאוס:
וואהנזין? יא, ווען מען „די פיינד האסען" וואהנזין אַנרופט!

הערמעס:
ניט אויסצוהאַלטען וואָלסט דו געווען, ווען עס וואָלט דיר וואויל
געגאַנגען.

פּראָמעטהעאוס:
וואויל? — וועה! — —

הערמעס:
גאָרנישט ווייסט זעאוס פון דיזען אויסרוף.

פּראָמעטהעאוס:
דאָך פיעל וועט אונז די לאַנגע צייט נאָך לערנען

הערמעס:
דו האָסט דאָך די קלוגשאַפט קיינמאָל פון איהר געלערנט.

פּראָמעטהעאוס:
ווען איך וואָלט געווען קלוג וואָלט איך דאָך ניט בעדאַרפט רעדען
מיט אַזאַ קנעכט.

ה ע ר מ ע ס :

און וואָס דער פּאָטער פרעגט — דו ווילסט עס ניט זאָגען ?

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

ווי וואָלט ער זיך דעם דאַנק פון מיר פאַרדיענט ? !

ה ע ר מ ע ס :

אזוי ווי אַ אינגעל ווער איך דאָ אָבגעלאַכט !

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

ביזט דו ניט נאַרישער פאַר אַ אינגעל,
ווען דו האָסט עס געהאָפּט פון מיר צו הערען ?
זאָג צו ז ע א ו ס דאָס ניט מיט מאַרטערניש אָדער קלוגשאַפט
וואָלט ער מיר געקענט דערצו צווינגען,
סיידען ער ווערט אַראָבגענעהמען פון מיר די שענדליכע קייטען.
זאָל ער נור זיין פייער פלאַם שליידערן
מיט אַ ווייסען שנעע שטורם און מיט דונערדיגען גערויש
אין קראַך פון גרונד אוים דעם אַלע צוזאַמענברעכען,
מיר ווערט דאָס ניט בייגען : ק י י נ מ אָ ל ו ו ע ט ע ר ע ר-
פ א ה ר ע ן
ד ו ר ך ו ו ע מ ע ן ע ר ו ו ע ט פ א ר ל י ע ר ע ן ז י י ן
ט י ר א נ ע נ ט ה ו ם.

ה ע ר מ ע ס :

זעה נור צו, אויב דאָס וועט דיר קענען בעפרייען !

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

שוין לאַנג איז דאָס פאָראויסגעזעהן און פעסט באשטימט !

ה ע ר מ ע ס :

בעגרייף עס, דו גענאַרטער, בעגרייף דאָס ענדליך
ווי דו בעדאַרפסט אין דיין אונגליק זיין געזאָגען !

פּ ר אָ מ ע ט ה ע א ו ס :

אומזונסט ראָטהסט דו מיר צו אזא מין עקעלהאַפטע טהאַט
קיינמאָל וועט עס דיר ניט געלינגען, דאָס מיר דער גאָט צו פאָרכט
און פייגהייט וועט ערנידריגען ! איהם אַלס נידריגסטען
פון די ערגסט, ווי אַ פרוי, מיט הויכגעשטרעקטע אָרימס אָנצו-
בעטלען,

דאָס ער זאָל מיר פון דיזע קייטען בעפרייען —

הערמעס:

אומזונסט, זעה איך, איז געווען מיין לאנגעס רעדען
גארנישט ריהרט און מילדערט דיר דיין שטאלצע הארץ;
ניין, ווי א יונג פערד פרעמד פון א צוים
מוטוויליג שפרינגסט דו און שטעלסט זיך אויף אין דיין יאך!
דאך דיין עקשנות שטעהט אויף א שאקעלדיגען גרונד
דען א נארען העלפט די איינגעשפארט־קייט
אין דער אמת'ן קיינמאל ניט צום זיעג.
הערצו, ווען דו ועסט ניט פאלגען מיינע ווערטער, דאן אך!
וואס פאר א שטורים־געוויטער, וואס פאר א שטראם פון שמערצען
דיך וועט טרעפען: מיט בליץ און דונער
וועט דיר דער פאטער ארײנשלאגען אין דעם פעלזען אבגרונד
אין שטיקער וועט פליהען דיין שטיין און וועט דיך ארײנשליידערן
און די ארימס פון די פעלזען, וועלכע ווערען דיך האלטען
איינגעקלאמערט, ביז די צייט איז געענדיגט. —
דאן צום ליכט שטייגסט דו ווידער ארוף;
דאך מיט גרויזאמקייט האקט דיר דער הונד פון זעאוס,
דער שטורמדיגער אדלער, אין דיין צובראכען לייב מיט זיינע שארפע נעגעל
און רייצט זיך מיט דאס בלוטיג פרעסען פון דיין לעבער,
א אונגעבעטענער בלוט־דארסטיגער גאסט.
און ניט קיין ענדע זאלסט דו האפען פון זאלכע מאטערנישען,
בעפאר פון די געטער איינער, וועט ערשיינען
בערייט פאר דיר אין האדעס נאכט ארונטערצושטייגען,
צום טיעפען נעבעל־שלונד פון טארטאראס.
ענטשייד! מיין צונג פראהלט זיך ניט מיט געשיכטען
אמת זאג איך דיר;
דען פרעמד פון דאס געטליכע מויל זיינען ליגענס
וואס זעאוס האט בעשלאסען, דאס וועט ער אויך אויספיהרען.
דרום זעה צו, באדיינק, היט זיך ניט מעהר

ווי די גוטע איבערלייגונג די עקשנות׳דיגקייט צו ליעבען! —

צווייטע אָקעיאַנידע:

זעהער ריכטיג געפעלט מיר הערמעס רייד
ער ראָט דיר זיך ניט אזוי איינצושפּאַרען
און דעם באַדעכטיגען זין צו פאָלגען.

יא, טהו עס! דעם קלוגען שענדעט עס
ווען ער מאַכט אַ פּאַרזעהן.

פּראָמעטהעאוס:

דיזע נייעס האָב איך שוין געוואוסט איידער זיין רוף האָט מיר דערגרייכט;

עס שיקט זיך אָבער אזוי דעם פיינד:
פון׳ם פיינד צו לײדען! —

דאַן וואָרף דאָך שוין דעם בליץ־שטראהל׳ם פייער שלאַנג
אויף מיר אַרונטער, פון ווילדע ווינטען פול מיט גרויזאַמקייט
דורכ געקראַמפּט די לופט, אין זיינע וואָרצלען
דערציטערט דער אָרקאַן דעם אַבגרונד
פון דער ערד, און די כוואַליעס פון ים
זאָלען פערפּלייצען מיט ווילדען גערויש די באהן פון די שטערן!
און וואָרף אין גרויזאַמען ווירבעל פון׳ם שיקזאַל
מיין ליב אין שוואַרצען טאַרטאַראָס אַרונטער:

ער קען מיר דאָך ניט טויטען!

הערמעס:

הערט נור
די צומישטע רייד פון אַ ראַזענדען!
וואָס פעהלט איהם נאָך צום וואַהנזין? וואַהנזיניגער פּראָהלער,
ווען וועסט דו איינצאַהמען דיין צאָרן? — דאָך איהר ווייבער,
וועלכע האָבען זיך דאָ פול מיט מיטלייד ארום איהם פערזאַמעלט;
אוועג מיט אייך פון דיזען אָרט וואָס גיכער,
דאָס ניט דעם דונערס שרעקליכעס גערויש
זאָל אייך ניט רויבען דאָס בעוואוסטזיין!

ערשטע אָקעיאַנידע:

וואָס אַנדערש ראַטה
און רייד מיר צו, ווען איך זאָל דיר פאָלגען;

ניט צו דער לײדען איז מיר געװען דײנע װערטער, װי פֿאַרדערסט דו
פון מיר דאָס שלעכטעס? װאָס געשעהן מוז, מיט איהם װיל איך דאָס
לײדען צוזאמען; פעררעטהערם האָב איך געלעה־
רענט פעראכטען.

קײן קראנקהײט איז ניטאָ װאָס איז
מיר עקעלהאפטער װי פעראטה!

הערמעס:

גערענקט, פאַראױס
איך האָב אײך בעפאָר געװאָרנט! און שעלט מיר ניט,
װען עס אײך טרעפט, דאָס שמערצליכע שיקזאל;
זאָגט ניט דאָס זעאוס האָט אײך אונשולדיגער הײט
אין לײדען ארײנגעשלײדערט, ניט פלעצליך, ניט דורך בעטרוג,
נײן דורך אײך אלײן, דורך אײער אײגענער דומהײט
האָט אײך דאָס שיקזאל ארײנגעכאפט אין איהר װײטגעשפאַנטען
נעץ. —

(הערמעס פערלאָזט די פעלזע הויכקײט װערענד זײנע לעצטע װער־
טער; און שוין פאַנגט אָן דער אָרקאַן צו שטורמען, דונער און בליץ פאָל־
גען גיכער און גיכער, פינסטערע װאָלקען פארטונקלען דעם הימעל און
זינקען זיך ארונטער ארום דעם פעלזען־שפיץ, ערדציטערנגעס ערשיטערט
דעם גרונד פון די בערג; די אָקעיאַנידען קניען אויף דער ערד.)

פראָמעטהעאוס:

טהאט איז געװאָרען דאָס װאָרט! די ערד
ציטערט, דעם דונערס
עכא דורכציטערט די לופט, װי פײערשלאַנגען צוקען די בליצען
שטויב װירבעלט אויף,
און עס יאָגט זיך דעם װינד'ס שטורם־פאָלק אהער,
אין א װילד־פערטומעלטען גענענזײטיגען קאמפף צומישען
זיך ים און הימעל: אזוי פוי'ם גאָט געשיקט
דרינגט פלעצליך געשלײדערט, דאָס שרעקליכע אויף מיר ארויף! —
(װילדעס גערויש פון דעם געװיטער).

אָ מײן מוטערס הײליגע מאכט! אָ עטהער,
ליכט־קװאל פונ'ם אלל!—זעהט װי איך
לײד

(דער פעלזען װעט פארשלונגען פונ'ם אָבגרונד).

ענדע.